STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01548

DAVID BEN DAVID KOPPERFILD

Charles Dickens

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טשַארְלְז דיקֶענְס.

דָוִד בֶּן דָוִד

(קָאפֶּערְפִילְד).

אַ רָאמַאן

אין פִיער טהֵייל.

פְרִיי איבֶּערְזֶעצְט פון עֶנְגְלִיש.

4 טֶער טְהֵייל.

ווילנא

שנת תרנ"ד לפ"ק

ДАВИДЪ ДАВИДОВИЧЪ (КОППЕРФИЛЬДЪ).

Романъ въ четырехъ частяхъ.

Соч. Ч. Диккенса. Переводъ съ англійскаго.

Изданіе I. Шрифтзетцера. и М. Каценеленбогена.

Часть IV.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи А. Г. Розенкранца и М. Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2598/13
1894.

Дозволено Цензурою 9 Августа 1894 г. Вильна.

I.

אַלטע סצענעס און נייע בילדער.

סטירפּאַרס און איך האָבען פערבראַכט אין יאַרמאַאוז מער ווי צוויי וואָכען. ס'איז איבריג צו דערצעהלען, אַז דאָס רוב צייט זיינען מיר געווען צוזאַממען; נור גאַנץ אָפט פלעגען מיר זיך שיידען אויף איינינע שטונדען. ער האָט ליעב געהאַט אַרום פאָהרען מיט די שיפפער, איך אָבער האָב דערצו קיין חשק ניט געהאַט. אויסער דעם, פלעג איך, ווי־ענדיג, אַז אַ גאַנצען טאָג פאַרעט מיין גוטע נ־אַנע אַרום איהר קראַנקען מאַן, ניט קאָנגען שפּעט זיצען אין גאַסט, כּדי איך זאָלל מיט מיין קוממען ניט שטערען דער ניאַנעס שלאָף. סטירפּאַרס אָבער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ האָטעל, איז געווען גאַנץ פריי, האָט זיך פאַר קיינעם ניט געדאַרפט שטערען און געקאָנט פערברייינגען פיעל זיין האַרץ האָט געלוסט. אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַ מאָל ביי נאַכט האָט סטירפּאַרס געמאַכט אַ וועטשערינקע פאַר מ־ר פּעגאָטטים גוטע פריינד אין טראַקטיר „פריייהליכער קאָפּ“, דערנאָך אין עטליכע טאָג אַרום האָב איך ווייטער געהערט, אַז ער האָט זיך פערקליידט אין די קליידער פון אַ שיפפער און איז אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג אַרום געפאָהרען אין אַ לאָדקע איבער'ן ים. נור די מעשׂיות האָבען מיך ניט געוואונדערט ווייל איך האָב געוואוסט, אַז זיין נאַטור פאָדערט שטענדיג עפּעס אַ נ־אַרבייט.

אויסער דעם, פלעג איך זיך מיט איהם שיידען צו ליעב מיינע רייזעס אין בלאָנדערסטאָן, וואו איך בין ניט איין מאָל געפאָרען בעטראַכטען די אָרטער, וואו איך האָב פערבראַכט די ערשטע יאָרען פון מיין קינדהייט. סטירפּאַרס איז איין מאָל מיט מיר מיט געפאָרען, נור, פערשטייט זיך, ער האָט געפונען, אַז ער האָט דאָרט ניט וואָס צו טהון. אַזוי האָבען מיר זיך געשיידט עטליכע טאָג גלייך נאָך'ן פריהשטאָג און בעגעגענט זיך ערשט אין אָבענד. ווי האָט ער די צייט פערבראַכט אָהן מיר האָב איך ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען. איך האָב נור געוואוסט, אַז מיין פריינד האָט געקריגען אַ שם צווישען אַללע יאַרמאַאוזער שיפפער און האָט טויזענדער מיטלען ווי צו פערטרייבען די צייט, זאָגאַר דאָרט, וואו אַ צווייטער אויף זיין אָרט וואָלט קיין מיטטעל ניט געהאַט.

מיין האַרץ איז פולל געווען מיט טרויער, פרייד, קיממער און פערגעניגען, ווען איך האָב שפּאַצירט איבער די בעקאַנטע אָרטער פון מיין געבורטסאָרט. פאַרנאַכט פלעג איך זיך אומקעהרען אין יאַרמאַאוז. סטירפּאַרס פלעגט זיצען פאַר'ן געגרייטען

טיש נעבען קאמין און ווען מיר פלעגען נעמען עססען האב איך געהאט גרויס פערגניגען פון געדאנק, אז איך האב געמאכט א וויזיט מיינע הייםמאטליכע ארטער. דער זעלבער געפיהל האט מיך בעגלייט אבענדצייט אין מיין ריינען שלאף-צימער, וואו, אויף א קליינעם טישעל איז שטעהענדיג געלעגען גרייט דאס ביכעל וועגען קראקאדילען. איבערבלאטטערענדיג דאס ביכעל דאס הונדערטע מאל, האב איך זיך געדערעכענט פאר'ן גליקליכען מענשען אין דער וועלט און געדאנקט דאס מזל, וואס עס האט מיר צוגעשיקט אזעלכע גוטע פריינד ווי סטירפארם און פעגאטטי, וועלכע האט מיר איצט מיט איהרע דאגות וועגען מיין קאמפארט פערביטען דער באבען מיסס בעטסי.

ס'איז אריבער מער ווי צוויי וואכען. איך בין אראב געפאהרען אין בלאנדערסטאן דאס לעצטע מאל און געזעגענט זיך מיט די ליעבע ארטער, וועלכע זיינען מיר איינגעבאקען אין הארצען. ס'איז געווען א דונקעלער נעבעל-אבענד און בין דער גאנגען ביז מ–ר פעגאטטים הויז א סך שפעטער ווי געוועהנליך. סטירפארם איז אליין געזעססען אין שטוב ביים קאמין אין א פערטראכטער פאזע. זיינענדיג פערטיעפט אין געדאנקען, האט ער ניט געהערט מיין אריין קוממען. ער איז געזעססען מיט אנגערונצעלטע ברעמען און אויפ'ן שטערן האבען זיך ביי איהם געטונקט טיעפע מחשבות.

ווען איך האב איהם ארויף געלייגט די האנד אויפ'ן אכסעל האט ער זיך אזא צאפעל געטאן, אז מיך האט ניט ווילענדיג אנגעהאפט א שוידער.

– דו קומסט צו מיר ווי פון עולם התהו, האט ער געזאגט כמעט ווי אין כעס.

– וואס האב איך געזאלט טהון, מיין ליעבער? האב איך געאנטפערט. – איך האב דיך געמוזט אויף וועקען. פון וועלכע וועלט האב איך דיך איצט ארויס גערופען פון עולם האצילות?

– ניין, האט ער געאנטפערט. – ניין.

– טא פון וואנען? האב איך געפרעגט, זעצענדיג זיך נעבען איהם.

– איך האב געקוקט אויף די פאנטאסטישע פיגורען, וועלכע האבען זיך דא געמאהלט אין פייער, האט ער געאנטפערט.

– פאר וואס צו מאכסטו די ריסונקעס, האב איך געזאגט, ווען ער האט גענוממען די קאטשערע און גענוממען מיט איהר קלאפען איבער די גליהענדע קוילען, אזוי, אז מיליאנען פונקען האבען אנגעהויבען פליהען אין קוימען. – צו דען ווילסטו ניט, אז איך זאלל אויך קוקען אויף זיי?

– איך וויל ניט. מיר האט עס שוין אויך דערעססען. איך קאן ניט ליידען די חאראקטערלאזע צייט, וועלכע מען קאן ניט רופען ניט טאג און ניט נאכט. היינט האסטו זיך פערזאמט! וואו ביסטו געוועזען?

– איך האב זיך געזעגענט מיט מיין געבורטסארט, ווי דיר איז בעוואוסט.

— און איך בין דא געזעססען, האט סטירפארס געזאגט, ארום קוקענדיג זיך ארום צימער, — איך בין געזעססען און געטראכט, אז ס'וועט קוממען א צייט שפעטער צו פריהר, אז די אללע מענשען, וואס זיינען אזוי פרייהליך און זארגלאז געוועזען ביי אונזער קוממען אהער, וועללען זיך צו גיין אין פערשיעדענע קאנטען, נאט וויים וואו הין, אייניגע וועללען שטארבען, אנדערע וועללען זיך פערשלאגען אין עק וועלט, און נאך אנדערע... מאלע וואס פאר א נארעשקייט ס'קריכט אין קאפ, ווען ארום דיר איז ניטא קיין לעבענדיגער נפש. שאדע, דוד, וואס די ערשטע צוואנציג יאר פון מיין לעבען האב איך ניט געהאט קיין פערשטאנדיגען און שטרענגען פאטער.

— וואס איז דאס פאר א מין נייעס?... וואס איז מיט דיר, סטירפארס?

— איך בעדויער מיט'ן גאנצען הארצען, וואס דאס מזל האט מיר געראובט דען גליק האבען גוטע עצות און לעהרע פון א פערשטאנדיגען פאטער. איך בעדויער פון גאנצען הארצען, וואס איך האב זיך געפיהרט ווייט ניט אזוי, ווי געהעריג איז.

א טיעפער קיממער האט זיך אויסגעדריקט אין זיין קול און דאס האט מיך זייער געוואונדערט. אין דער רגע איז סטירפארס גאר ניט געוועזען אהנליך אויף זיך. ער האט זיך אויפגעהויבען און, אנשפארענדיג זיך אן קאמין, האט ער גענוממען ריידען מיט עפעס א מין קראמפהאפטע בעלעבהייט:

— הא'וואלט איך בעסער זיין א-נ-ארימער פישער, עפעס א מין דן פעגאטטי, אדער ווי זיין תמעוואטער פלימעניק, איידער איך בין איך... איך בין רייך און קלוג, ווי מען זאגט, נור וואס קומט מיר אריין פון מיין רייכקייט און שכל, אז צייטענווייס מוז איך ליידען שרעקליכע מאראלישע יסורים? וועלכע אוצרות קאננען מיך בעלאהנען פאר די טייפעלשע געדאנקען, וועלכע האבען מיך, למשל, געמוטשעט א האלב שעה נאך א-נ-האנד, ווען איך בין דא געזעססען אליין אין דער שיפפעל-שטיבעל?

איך בין ערשטוינט געווארען און איצט ערשט האב איך בעמערקט, אז זיין גאנצעס געזיכט האט זיך געאנדערט. ער איז אלס געשטאנען פערטראכטערהייד ביים קאמין און געקוקט אויף'ן פלאהם. ענדליך האב איך איהם גענוממען בעטען, ער זאלל מיר ענטדעקען זיינע פערבארגענע געדאנקען.

— געוויס, וועל איך דיר קיין עצות ניט קאננען געבען, סטירפארס, האב איך געזאגט, — נור דאך וועסטו אין מיר געפינען, קאנן זיין, דעם איינציגען מענשען, וואס איז אין שטאנדע מיט פיהלען דיין צרה.

נור איידער איך האב געענדיגט די ווערטער, האט זיך סטירפארס צולאכט, און דאס געזיכט זיינס האט אנגענוממען זיין שטענדיגע פרייהליכע און זארגלאזע מינע.

— גאר נישט, מיין ליעבער דעזי! עט נארעשקייטען, ליעבער פריינד, האט

ער געאנטפערט. — מיר דוכט, אז זייענדיג אין לאנדאן האב איך דיר געזאגט, אז אמאל פאלל איך זיך אלליין צו לאסט. די אללע נארעשע סקאזקעס, וואס איך האב געהערט פון דער ניאנקע אין מיינע קינדערשע יארען שווימען מיר ארוים אין מארך, און די פאנטאסטישע בילדער נעמען אן אין מיינע אויגען די פארמע פון ווירקליכע ערשיינונגען. פלוצים פון העלער הויט איז מיר איינגעפאללען א געדאנק, אז איך בין א שלעכטער אינגעל, וועלכען האבען ווילדע חיות אויפגעגעססען פאר זיין שטיפעריי. די אללע שרעק וואס אלטע ווייבער לײדינגייערקעס האבען אויס־געטראכט, האבען זיך מיר פלוצים גענוממען מאהלען אין אלערליי שרעקליכע קארטינעס. איך האב זיך פשוט דערשראקען פאר זיך זעלבסט.

— נו דאס איז נאך א קנאפע בייז, האב איך געזאגט.

— ס'קאן זיין, אז יע, און ס'קאן זיין, אז ניט, דאס ווענדט זיך אן די אומשטאנדע, האט סטירפארס געאנטפערט. בעסער איז, מיר זאללען וועגען דעם גאר ניט ריידען, נור אללענפאללס, דוד, קאנן איך איבער חזר'ען א צווייטען מאל, אז ס'וואלט געוועזען פאר מיר און אפשר פאר א צווייטען אויך — טויזענדער מאל בעסער, ווען איך וואלט ערהאלטען מיין ערשטע ערציהונג אונטער דער השגחה פון א פערשטאנדיגען און שטרענגען פאטער.

ביי די ווערטער האט ער א ווארף געטאן א פלינקען בליק אויפ'ן פייער און זיין געזיכט איז געוועזען דורך געדרונגען מיט א־נ־ערנסטע און טרויריגע מחשבה.

— די קאמעדיע איז געענדיגט! האט ער געזאגט און אונגעדולדיג א מאך געטאן מיט דער האנד. די אונרוהיגע ערשיינונגען זיינען פערשוואונדען — און איך בין ווייטער גרייט צו זיין א מענש. קום מיטאגען. איך וועל זיך סטארען דערווייזען דיר, אז פון אונרוהיגע מחשבות, ווערט דער אפעטיט ביי מיר ניט קאליע.

— און וואו זיינען די בעלי בתים פון דאנען? האב איך געפרעגט.

— ווער ווייס? האט סטירפארס געאנטפערט. ווען איך בין אהער געקוממען, האב איך קיינעם ניט געטראפען.

באלד איז אריין גודמידזש מיט א קארבעלע אין די האנד, און מיר האבען זיך דערוואוסט, פאר וואס דאס שטיבעל איז געבליבען אפען, ווען קיינער איז ניט געוועזען. ווען גודמידזש איז אוועק אין נאם איינקויפען עססענוואַרג, האט זי די טהיר געלאזט אפען פאר חם מיט עמיליען, וועלכע פלעגען געוואהנליך קוממען פערנאכט פון שפאציר. גודמידזש איז געוועזען ניט ביים מוטה, נור סטירפארס האט איהר באלד געטרייסט מיט א צארטליכען קוש אין האנד און מיט איניגע קאמפלימענטען וועגען איהר שאנהייט. דערנאך האט ער מיר געגעבען די האנד און מיר זיינען ביידע ארוים פון שיפפעל־שטיבעל.

מאכענדיג פרייהליך די אלטע גודמידזש, איז סטירפארס אליין אויך פרייהליכער געווארען און פון זיין פריהרדיגע מרה שחורה האט זיך אפילו קיין סליאד ניט אבגעשטעלט.

— מארגען שיידען מיר זיך שוין מיט דעם בוקאניארישען לעבען, האט סטירפארם געזאגט פריידיג.

— נו, דאס איז דאך שוין ביי אונז איין אבגערעדטע מעשה, האב איך געאנטפערט, אין קאנטאר פון די דילישזאנסען זיינען דאך שוין בעשטעלט ערטער פאר אונז ביידען.

— אויב אזוי איז דאך שוין ניטא וואס צו ריידען. מיר פאהרען. שאדע וואס אזוי גיך שיידען מיר זיך מיט דער שטאדט. איך האב שוין כמעט פערגעססען, אז אויסער פאיעזדקעס מיט די שיפפער איבער'ן ים זיינען פאראן נאך אנדערע ארבייט.

— דו האסט אבער געקראגען א גרויסען שם ביי די שיפפער; מ–ר פעגאטטי זאגט, אז דו ביזט דער אכטער וואונדער אויף דער וועלט. נור איך קאנן זיך ניט אב וואונדערען, סטירפארם, צו וואס דו בענוצט דיינע פהיזישע אונ מאראלישע קרעפטען: צו דען קאנסטו זיך פערגעניגען מיט אזעלכע זאכען?

— פערגעניגענען? גאנץ שאן! איך קאנן זיך נור פערגעניגענען מיט דיין קינדעשע נאאיוויטאט (תמימות), מיין ליעבער דעזי, אונ מער אבער מיט קיין זאך ניט. — דו ווייסט, אז איך האב דא געקויפט א לאדקע?

— וואס פאר א זעלטזאמע פאנטאזיע דאס איז, סטירפארם! האב איך אויס־געשריען, אבשטעללענדיג זיך אויף'ן מיטט'ן וועג. — קויפען א לאדקע, וועו, ס'קאן זיין, דיר וועט שוין קיין מאל ניט אויסקוממען זיין אין דעם ארט!

— ווער ווייס? איך האב ליעב געקראגען יארמאוז אונ ווארשיינליך וועגען איך זיך ניט אויף אייביג מיט די היגע פישער, האט סטירפארם געאנטפערט, פערגרעסערענדיג די טריט. — א וואוילע לאדקע! מ–ר פעגאטטי רופט איהר קליפפער. ער וועט דערווייל זיין דער בעל הבית פון איהר.

— איצט פערשטיי איך דיר, סטירפארם! האב איך געזאגט מיט א יום־טוב־דיג קול. דו האסט כלומרשט געקויפט די לאדקע פאר זיך אונ דערווייל לאזטו איהר איבער א מתנה פאר מ–ר פעגאטטי. ווי אזוי האב איך זיך אויף דעם גלייך ניט געשטויסען? דארף איך דיר נאך ארויס זאגען, וואס איך דיינק וועגען דיר פאר דעם בעהאנדלונג?

— טסס! וואס ווייניגער ריידען וועגען דעם, איז אלס בעסער, האט ער געאנטפערט אנגעצונדען.

— ווי צופריעדען בין איך, סטירפארם, וואס איך האב זיך ניט געאירט אין דיין אדעלען כאראקטער! האב איך דיר דען ניט געזאגט, אז דו קאנסט מיטפיהלען די גוטע מענשען.

— יע, יע, דו האסט עס מיר אלס טאקע געזאגט, איך געדיינק זייער גוט. גאמיר אויפהערען צו ריידען וועגען דעם.

איך בין אנשוויגען געווארען. מיר זיינען געגאנגען מיט שנעללע טריט.

– מען וועט דארפען די לאדקע פון דער נײַ אויפטאקעלן, האט סטירפארס געזאגט און די השגחה איבער דער ארבייט וועלל איך געבען ליטטימער׳ן. נור מחשבותן, האב איך דיר ניט דערצאהלט, אז ליטטימער איז היינט פריה געקוממען צו פאהרען מיט א בריעף פון דער מוטטער.

אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, און איך האב בעמערקט, אז ביי די לעצטע ווערטער איז מיין חבר בלייך געווארען ביז די עקקען ליפפען. נור זיין מינע האט זיך דערפון ניט געאנדערט. ער האט אויף מיר א קוק געטאן שארף. מיר איז איינגעפאללען א געדאנק, אז סטירפארס האט בעקוממען פון דער מוטטער איין אויסרייד און צוליעב דעם מסתמא איז ער געוועזען אזוי צוטראגען, ווען איך האב איהם געטראפען אין שיפפעל-שטיבעל ביי׳ם קאמין, איך האב איהם דאס ארויס געזאגט.

– א, ניין, דו ביסט א שלעכטער טרעפער, דעזי! האט סטירפארס געאנטפערט מיט א פרייהליכען שמייכעל. – ס׳הויבט זיך גאר ניט אן! ליטטימער איז אהער געקוממען אלס שומר פון מיינע זאכען און אפעקון פון מיין טשעמאדאן – ניט מער און ניט ווייניגער.

– ער איז נאך אלס דער זעלבער?

– דער זעלבער רוהיגער און קאלטער. ער וועט דארפען זיין דערביי, ווען מען וועט בענייען מיין לאדקע. דו ווייסט ווי איז איהר נאמען?

– ווי?

– קליינע עממי.

זיין בליקק האט זיך אבגעשטעלט אויף מיינע אויגען און איך בין געקוממען צום שלום, אז איך פערשפאר צו לויבען מיין חבר פאר זיין גראסמוטהיגקייט מיט ווארטער. איך האב קיין ווארט ניט ארויס גערעדט, נור מיין שמחה האב איך אויס־געדריקט מיט א צופריעדענען שמייכעל. סטירפארס איז פרייהליכער געווארען.

– זאלל זי זיך רופען „קליינע עממי“... נור דו זעהסט, קוק אהין, האט גייט דער אריגינאל אליין. הם איז אויך מיט איהר. אט דאס הייסט זיין א וואהרער ריצאר: ער לאזט קיין מאל ניט זיין דאמע אליין.

פון א געוויסער צייט האט זיך הם בעשאפטיגט מיט שיפפ–ארבייט און ער האט מיט זיין ארבייט זיך קונה שם געוועזען. אין גאנץ יארמאאוז האט מען איהם גערעכענט פאר׳ן ערשטען מאסטער. זייענדיג אנגעצויגען אין זיינע ארבייט–קליידער האט ער אויס געוויזען זייער גראב און אונגעלומפערט, נור ביים ערשטען בליק אויף איהם האט מען געקאנט איבערצייגען אז ער איז ווערט צו זיין א בעשיצער ביי דעם בליהענדער מיידעל, וואס איז געגאנגען הינטער איהם. זיין ארדענטליכע תמימות, זיין שטאלץ מיט דער קראסאוויצע און זיין גרענצענלאזע ליעבע צו איהר האבען זיך אויסגעדריקט אין אללע ציגע פון זיין געזיכט, ס׳איז לייכט געוועזען איבערצייגען זיך, אז ער איז גרייט בעשיצען איהר פון אללע צרות. ניט וויללענדיג,

האב איך זיך אויף זיי פערקוקט אונ ניט ווילענדיג האב איך ביי זיך אין הארצען איבער געחזרט, אז חם אונ עמיליע זיינען בעשאפען איינער פאר'ן צווייטען. זיי זיינען אונטער געגאנגען צו אונז.

עמיליע האט מבוישדיג בעפרייהט איהר האנד פון חם'ס ארעם אונ, ווערענדיג רויט, געגרייכט סטירפארסען אונ מיר. מיר האבען זיך געביטען מיט איניגע ווארטער אונ, ניט אבשטעלענדיג זיך, זיינען מיר געגאנגען ווייטער. נור איך האב בעמערקט, אז עמיליע האט שוין מער געארעמט ניט געוואלט גיין. פאר פרעמדע אין די אויגען האט זי זיך געשעמט זיין אין אזא התקרבות מיט'ן חתן. מיר אונ סטירפארס'ן איז דאס אויסגעקומען רייצענד אונ נאאיוו. מיר האבען זיי בעטראכט ביי דער ליכט פון דער יונגער לבנה.

פלוצים איז פערביי אונז דורך געפלויגען א יונגע פרויענצימער. דאס פרויענצימער איז געגאנגען נאך'ן סליאד פון דער יונגער פאר. דאס יונגע פרויענצימער איז געוועזען געקליידט ארים אונ נאכלעססיג (אבגעלאזט). דער ווינד האט פערנאנדערגעבלאזט איהר שאל אונ קלייד. איהר אויסזעהן איז געוועזען סמיעלע אונ ענטשלאססען. איהר איינציגע מחשבה, וועדליג ס'האט געשיינט, איז געוועזען דעריאגען חתן-כלה. באלד איז זי פערשווינדען געווארען אונ אויסער'ן ים אונ וואלקען, וואס האט פערשטעלט די לבנה, האבען מיר קיין זאך ניט געזעהן.

– דער פינסטערער שאטען, דוכט, וויל רודף'ן אונזער כלה, האט סטירפארס געזאגט, בלייבענדיג שטייהן אויף'ן וועג. – וואס זאל עס בעדייטען?

ער האט עס ארויסגערעדט מיט א שטילען אונ טויבען קול, וועלכער איז מיר אויסגעקומען מערקווירדיג.

–געוויס, וויל זי ביי איהר בעטען א נדבה, האב איך געזאגט.

– ס'ווייזט ניט אויס. אזוי שלעפער זיינען דא פאראן זייער פיעל, נור דאס פרויענצימער איז גאר ניט אהנליך אויף א שלעפערקע.

– פאר וואס?

– דערפאר וויל א שלעפערקע וואלט זיך דא ביי נאכט ניט ארום געשלעפט. גייענדיג פערביי אונז, האט זי דאך קיין נדבה ניט געבעטען. פון וואנען האט זי זיך דא גענומען, וואלט איך וועלען וויססען.

– פון אונטער דער וואנד, האב איך געאנטפערט, ווען מיר זיינען ארויס אויף'ן וועג אונ אנגעוויזען אויף דער וואנד, וואס האט איבערגעהאקט דעם וועג.

–אט איז זי איצט פערשווינדען געווארען, זאלל צוזאממען מיט איהר פערשווינדען ווערען אלל דאס בייז, האט סטירפארס געזאגט. – ס'איז שוין צייט צוטראכטען וועגען מיטאג.

דאך האט ער זיך נאך איינינגע מאל ארום געקוקט א הינטער אונ געסטארעט

זיך בעטראכטען די ריהרענדע פינטלאך אויף'ן ברעג ים. דעם גאנצען וועג איז ער געוועזען צורודערט, נור ווען מיר זיינען אריין אין האטעל אונ געזעצט זיך צום טיש נעבען גליהענדען קאמין, איז ער פלוצים געווארען פרייהליך אונ אויף זיין געזיכט איז קיין שפור אונרוהיגקייט ניט פערבליבען.

ליטטימער, וועלכער איז אונז ארוים בעגעגענען, האט אויף מיר געמאכט זיין געוואהנליכען איינדרוק. אנטפערענדיג אויף זיין רעספעקטעבעלען פערנייגונג, האב איך איהם געפרעגט וואס מאכען מ-ם סטירפארס אונ מיסס דארטל; ליטטימער האט בעדאנקט אונ רעספעקטעבעלע געאנטפערט, אז זיי זיינען געזונד אונ לאזען מיך גריסען. מער ווי דאס האט ער ניט גערעדט, נור זיין בליקק האט געזאגט: „איר זייט נאך יונג, סער, זייער, זייער יונג".

נאך מיטטאג האט זיך ליטטימער אויפגעהויבען פון זיין געזעס אין ווינקעל, איז צוגעגאנגען צו זיין הערן אונ געזאגט:

– פערצייהעט, סער. מען האט מיר געהייסען איבער געבען אייך, אז מיסס מויטשער איז דא.

– ווער? האט סטירפארס אויסגעשריען פערוואונדערט.

– מיסס מויטשער, סער.

– נאך וואס איז זי אהער געקוממען? וואס פאר א שווארץ יאר האט איהר אהער געבראכט?

– אין דער פראווינציע איז איהר געבורטסארט. מיסס מויטשער האט מיר געזאגט, אז זי פארט אללע טאג אין יארמאאוז מיט איהרע אייגענע עסקים. היינט האב איך איהר בעגעגענט אויף דער גאס אונ זי האט מיר געהייסען פרעגען, אויב זי קאנן אהער קוממען נאך מיטטאג.

– דו קאנסט, דעזי, די ריעזין? האט סטירפארס געפרעגט.

איך האב זיך געמוזט מודה זיין, אז איך האב די עהרע ניט געהאט, דאבּי האבען ליטטימערס אויגען גערעדט זייער קלאהר: „פון וואנען זאלל ער עס וויססען, סער? ער איז נאך זייער יונג".

– דאס פרויענצימער איז דער אכטער וואונדער אויף דער וועלט, מיין ליעבער דעזי, האט סטירפארס געזאגט. מען זאלל איהר אריין לאזען, ווען זי וועט קוממען.

מיין נייגיער איז געוועזען ערוועקט ביז דער העכסטער שטופע, איבערהויפט וויל סטירפארס האט זיך געהאלטען אין די זייטען לאכענדיג, ביים דערמאנען אן דער לעדי. אויף קיין פראגע מיינע האט ער מיר ניט געאנטפערט אונ איך האב גערולדיג געמוזט ווארטען ביז דער אכטער וואונדער וועט זיך ווייזען כדי איך זאלל אלליין מיט מיינע אויגען משפטען. א האלב שעה האבען מיר נאך מיטטאג

געוואַרט, זיצענדיג ביי אַ פלעשיל וויין. ענדליך האָט זיך די טהיר געעפענט און ליטטימער האָט רוהיג געזאָגט:

— מיסס מויטשער.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף דער טהיר און האָב קיינעם ניט געזעהן. אַ צווייטען מאָל האָב איך אַ קוק געטהאָן, רעכענענדיג, אַז זי האָט זיך פערזאַמט ביים שוועל, ערשט פּלוצים, צו מיין גרויס ערשטוינונג, האָט זיך מיין בליק אָב־געשטעלט אויף... אַ פוילינקע, אַנגעבלאָזענע קאַרליצע פון אַ יאָר פינף און פיערציג. זי איז שוין געווען אין צימער און געדרעהט זיך אַרום דער סאָפע, וואָס האָט איהר אָבגעצאַמט פון מיר. די פערזאָן מיט זייער אַ גרויסען קאָפּ, מיט סאַרע שעלמישע אויגען האָט אין דער ווירקליכקייט געשיינט צו זיין ניט דער לעצטער וואונדער אויף דער וועלט. די האַנד איהרע זיינען געווען אַזוי קורץ, אַז ווען זי האָט געוואָלט פון סטירפּאַרס'ס כבוד וועגען אַ שנעלל טהון זיך אין נאָז, האָט זי געמוזט איינבויגען דען קאָפּ און צו שטעלען די נאָז צום שפּיץ צייג־פינגער, און אויסגעוויזען האָט, אַז זי האָט מיט'ן שפּיץ נאָז אַ שנעלל געטהאָן דעם פינגער. איהר צווייאיגער קין־באַק איז געווען דיק און פעט אַזוי, אַז אין איהם זיינען איינ־געזונקען די באַנדלאַך פון הוט, און די איבריגע האַלזבעפוצונג. קיין האַלז האָט זי ניט געהאַט, קיין האַנדוואָרצעל (כף היד) אויך ניט, קיין פיס אויך ניט... דאָס הייסט זי האָט געהאַט די אַללע גליעדער, נור זיי זיינען געווען אַזוי קליין, אַז ס'לוינט גאָר ניט צו ריידען וועגען זיי. אַ געוועהנליכער שטוהל איז פאַר איהר געווען זייער הויך און זי האָט הויך געדאַרפט הויבען איהר קליין הענטעל אַנידער לייגען דאָרט איהר רידיקיול (האַנד־זאַקעל). דרייהענדיג זיך אַרום דער סאָפע, האָט זי אָהן אויפהער בערירט די נאָז אָן שפּיץ פינגער און ענדליך, נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגעוויזען די אַללע ליעבענסווירדיגקייט, האָט זיך ביי איהר פּלוצים אַרויסגעריסען אַ גאַנצער מבול רייד.

— נו וואָס, מיין ראָזענשטאָק! האָט מיסס מויטשער אָנגעפאַנגען, פריילִיך שאָקלענד מיט'ן קאָפּ. ביזטו גאָר דאָ! וואָס פאַר אַ רוח האָט דיך פערטריבען אין אַזאַ ווייטע לאַנד. וואָס טהוט איר דאָ, סער? איר שטיפט דאָ, ניט אַזוי, מיין שוואַרצבלויע טייבעלע? איך וויים, אַז דאָס איז אַזוי; איך קאָנן דיך, צולאָזטער דשווענטלמען. דו ביזט ניט קיין נאַרר, סטירפאָרס, אין איין אויער קריכסטו אַריין, פון צווייטען קריכסטו אַרויס: מיר וועללען זיך ביידע פאַר אַ זאַק ציבעלע ניט לאָזען פערקויפען. האַ, האַ, האַ! דו וואָלסט געהאַלטען אַ געוועט אויף הונדערט פונט, אַז דו וועסט מיך דאָ ניט אָנגעגענען, ניט אַזוי? נור אָט בין איך דאָ, דאָ און אומעדום און ערגעץ ניט, ווי אַ מטבע ביים פאָקוסניק, וואָס פּלוצים ווערט זי פערשוואונדען און גנבעט זיך אַריין צו אַ דאַמע אין טיכעל. מיר ביידע זיינען בקיאים אין טיכלאַך און אין דאַמען... נור מהשבותין, דו פערשאַפסט דער מוטער

גְרוֹיס נַחַת!... יֶע, סֶער, אִיר טְרֵייסְט אִיהר „דוֹרְךְ אֵיין אַכְסֶעל, נוּר דוֹרְךְ וֶועלְכֶע אִיז אַ פְרַאגֶע" *).

מִיסס מוֹיטשֶׁער הָאט פֶערְנַאנדֶערְגֶעבּוּנְדֶען דִי לֶענְטֶעס פוּן אִיהר הִיטֶעלֶע אוּנ זַיינֶענְדִיג הֶאכְסְט בֶּעמוּטְהִיגְט הָאט זִי זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף'ן קְלֵיין פוּס—בֵּיינְקֶעלֶע גֶעגֶען דִי פִּיסְלַאךְ פוּן טִישׁ, וֶועלְכֶער אִיז אוֹיסגֶעקוּמֶען אִיבֶּער אִיהר קָאפּ ווִי אַ בֶּעסֶעדְקֶע (לוּפְט-שְׁטִיבֶּעל).

מִיסס מוֹיטשֶׁער הָאט אַ ווַיילֶע אָב גֶערוּהט, צוּגֶערוּקְט צוּ זִיךְ דֶעם שְׁטוּהל אוּנ הָאט גֶענוּמֶען אַרוֹיסלֵייגֶען פוּן רִידִיקִיוּל פְלֶאשֶׁעלַאךְ, פֶענְצִירְלַאךְ, נָאמֶקֶע, קֶאמְלַאךְ, שְׁטִיקְלַאךְ פְלַאנֶעל, רוֹיקֶעס צוּם פְּרִיזִירֶען אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען. יֶעדֶעס מָאל בַּיים אַרוֹיסנֶעמֶען אֵיין אִינְסְטְרוּמֶענְט הָאט דִי אַרֵיין גֶערוּקְט אִיהר הַאנְד בִּיז'ן אַכְסֶעל; הָאבֶּענְדִיג גֶעעֶנְדִיגְט אִיהר אַרְבֵּייט, הָאט זִי זִיךְ פְּלוּצִים גֶעווֶענְדֶעט צוּ סְטִירְפָארס'ן אוּנ גֶעפְרֶעגְט צוּ מַיין גְרוֹיס פֶערְלֶעגֶענְהַייט:

— דָאס אִיז אַייעֶר חָבֵר, סֶער?

— יֶע, הָאט סְטִירְפָארס גֶעאֶנְטְפֶערְט.

— אוּנ ווִי רוּפְט מֶען אִיהם?

— מִ-ר דָוִד קָאפְּפֶערְפִילְד, הָאט סְטִירְפָארס גֶעאֶנְטְפֶערְט. — עֶר ווִילל זִיךְ מִיט אַייךְ בֶּעקֶאנֶגֶען.

— זָאל עֶר זִיךְ בֶּעקָאנֶגֶען, אוֹיבּ עֶר ווִילל. אִיךְ זֶעה נָאךְ זַיינֶע אוֹיגֶען, אַז עֶר ווִילל, הָאט מִיסס מוֹיטשֶׁער גֶעאֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פְרֵייליךְ גֶעלֶאכְטֶער. אַ הֶעלְד אַ יוּנְג. דָאס גֶעזִיכְט אִיז בַּיי אִיהם רִיכְטִיג ווִי אַ פֶּערְסִיק (אַפְּרִיקָאס)! (מִיסס מוֹיטשֶׁער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פִינְגֶער אוּנ אַ קְנִיפּ גֶעטְהוּן מִיר אִין בַּאק). אַ פָּנִים — אַ פֶערְקוּקֶענִישׁ! אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיעבּ אַפְּרִיקָאסֶען. מִיךְ פְרֵייהט אַייעֶר בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט, מִ-ר קָאפְּפֶערְפִילְד, אִיךְ בִּין אַייךְ גְרֵייט צוּם דִינֶען, סֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז מִיךְ פְרֵייהט אוֹיךְ זֵייעֶר דִי בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט מִיט אִיהר.

— אַח, ווִי אַדֶעל מִיר זַיינֶען! הָאט מִיסס מוֹיטשֶׁער אוֹיסגֶעשְׁרִיעֶן, מַאטֶערֶענְדִיג זִיךְ פַארשְׁטֶעלֶען מִיט אִיהר קְלֵיין הֶאנְדִיל אִיהר בְּרֵייטֶען גֶעזִיכְט. — גָאט מַיינֶער, ווִי מִיר נַארֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶען! מִיר בֶּעגֶעגֶענֶען זִיךְ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּנ שִׁיטֶען אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטֶען קָאמְפְּלִימֶענְטֶען: דָאס הֵייסְט מִיר ווֵייסֶען, ווָאס דִי ווֶעלְט פָאדֶערְט.

— ווָאס מֵיינְט אִיר מִיט דֶעם? הָאט סְטִירְפָארס גֶעפְרֶעגְט.

— גָאר נִישְׁט, מַיין לִיעבֶּער. אִיךְ זָאג, אַז מִיר זַיינֶען אַללֶע בֶּעטְרִיגֶער אוּנ שַׁארְלַאטַאנֶעס, יֶעדֶער אוֹיף זַיין אַרְט. נוּר אִיךְ הָאבּ זִיךְ פֶערְרֶעדְט,

*) טְרֵייסְטֶען דוֹרְךְ'ן רֶעכְטֶען אַכְסֶעל הֵייסְט אִין עֶנְגְלִישׁ פֶערְשַׁאפֶען נַחַת, — דוֹרְךְ'ן לִינְקֶען הֵייסְט פֶערְשַׁאפֶען קְלֶעמֶענִישׁ. מִיסס מוֹיטשֶׁער מֵיינְט דֶען לִינְקֶען אַכְסֶעל.

בעסער געמען זיך צו דער ארבייט. סטירפארס, ווייזט אייער פאליאר-פראווינץ.

זי האט גענומען א פאר קליינע אינסטרומענטען, א פלאשעלע און, צו מיין גרויס וואונדער, האט זי געפרעגט, צו ווען איהר דער טיש איינהאלטען. בעקומענדיג פון סטירפארסען א-נ-ענטפער, אז יע, האט זי צוגערוקט צו זיך דעם שטוהל, איז אויף איהם פלינק ארויף געשפרונגען און דערנאך מיט דער הילף פון מיין האנד איז זי ארויף אויפ'ן טיש.

— אויב ווער פון אייך, יונגע דשענטלמענעס, האט געזעהן מיינע קניע, האט זי געזאגט, שטייענדיג אויפ'ן טיש, טא זאגט עס מיר גאר אהן צערעמאניע: איך וועל גיין א היים און אנטהון זיך א טוידט.

— איך האב ניט געזעהן, האט סטירפארס געאנטפערט.

— איך אויך ניט, האב איך געזאגט.

— נו אויב אזוי ווילליג איך איין לעבען נאך עטליכע יאר פון אייער פערגניגען וועגען, האט מיסס מויטשער געזאגט מיט א בערוהיגטען טאן. — קאטשקעלע, קאטשקעלע, אוט-אוט-אוט, שטעלל זיך אונטער אונטער מיין קיך, מעססער.

דאס מאל איז די קאטשקעלע געווען סטירפארס. ער האט זיך געזעצט מיט'ן רוקען צום טיש און מיט א לאכענדיג געזיכט צו מיר. איך האב פערשטאנען, אז סטירפארס האט איינגעוויליגט שערען זיך איצט נור צו פערטרייבען די צייט. מיסס מויטשער האט גענומען בעטראכטען זיינע פראכטפאללע קאשטאנישע האר דורך א גרויסען קיילעכדיגען גלאז, און האט אויסגעשריען:

— ניטא וואס צו ריידען, דו ביזט א שאנער יונג! דאך זיי וויססען, אז ניט איך, וואלט ביי דיר אין דעם פערלויף פון איין יאר געווארען אזא פליך ווי ביי א חיגעזישען מאנדארין. אט ווארט א ווייל, וועל איך דיר אזוי אב פאלירען דעם קאפ אז לכל הפחות אויף צעהן יאר וועללען די האר בלייבען גאנץ.

ביי די ווערטער האט זי אנגענעצט דאס בארשטעלע אין א פלאשעלע און האט גענומען מיט גרויס פלייס רייבען סטירפארס'ן דעם קאפ. די גאנצע צייט פון איהר ארבייט האט זיך איהר דאס מויל ניט פערמאכט.

אין מיין גאנץ לעבען האב איך נאך קיין מאל ניט געזעהן קיין זאך, וואס זאלל אהנליך זיין אויף מיסס מויטשער, ווען זי איז געשטאנען אויפ'ן עסס-טיש, גערייבען דעם קאפ סטירפארס'ן און געווינקט צו מיר מיט די אויגען.

— אין דעם פערוואָרפענען ווינקעל איז פאר אונזער שוועסטער גאר קיין ארט ט, האט מיסס מויטשער געזאגט. — איך פאהר באלד אב פון דאנען, שטעלל זיך זר, פריינד מיינער דשימי, איך האב דא ניט אנגעגענט אפילו איין שאנע ויעבצימער.

— טאקע? האט סטירפארס געפרעגט.

— אפילו איינע ניט, האט זי איבער געחזרט.

– דוכּט, אַז אונז וואָלט ניט שווער געווען אַנוויזען איהר אויף איין שאַנע פּראָיעקציאָנעמער, האָט סטירפּאַרס געזאָגט, ווענדענדיג צו מיר זיין בּליקק. ווי מיינסטו, דעזי.

– געוויס, האָב איך געאַנטפערט.

אַהאַ! האָט די קליינעצקע אויסגעשריען אונ אויפמערקזאַם אויף אונז אַ קוק געטאָן. – עהע!

דער ערשטער אויסגעשריי איז געווען געווענדעט צו אונז בּיידען אונ דער צווייטער – צו סטירפּאַרס׳ן אַליין. נור ניט בּעקוממענדיג קיין אַנטווער ניט פון מיר אונ ניט פון איהם, האָט זי גענוממען מיט מער פליס רייבען סטירפּאַרס׳ן די האָר, האָט אַנגעבויגען איהר קאָפּ אין איין זייט אונ מיט די אויגען געזוכט אויף׳ן סופיט אַ-נ-אַנטווער.

– איז דאָס ניט אַקאָרשט אייער שוועסטער, מ-ר קאָפּפערפילד? האָט זי אויסגעשריען נאָך אַ קורצע פּויזע, אונ איהר בּליק האָט זיך ווייטער געווענדעט צום סופיט. ניט אַזוי, סער? האַ?

– ניין, האָט סטירפּאַרס געאַנטפערט פאַר מיר. אין געגענטהייל, קאָפּפערפילד, אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז אַ מאָל אַליין געווען אין איהר פערליעבּט.

– העע? אונ איצט איז ער ניט פערליעבּט? האָט מיסס מויטשער אויסגעשריען. – איז ער אַ לייכטזיניגער? אַה, וואָס פאַר אַ שאַנדע! צו דען טאַקע פליהט ער איבּער פון איין בּלומעל צום צווייטען, ציִט ער האָט אַוועק געוואָרפען זיין פּאַללי? מען רופט דאָך איהר פּאַללי?

איך בּין ווי צוטהומעלט געוואָרען פון איהרע פראַגעס, אַ ווײלע האָב איך געקלערט אונ ענדליך געאַנטפערט:

– ניין, מיסס מויטשער, מען רופט איהר עמיליע.

– אַהאַ! האָט זי אויסגעשריען מיט דער זעלבּער אינטאָנאַציע (נגינה) ווי פריהער. אָהע! אַה, וואָס פאַר אַ בּאַלבּעטוניחע איך בּין! ניט אַזוי, מ-ר קאָפּפערפילד?

אין איהרע אויגען האָב איך בּעמערקט אַזאַ מין אויסדריק, וואָס מיר איז גאַר ניט געפאַללען געוואָרען. מיר האָט זייער פערדראָסען, וואָס מיר האָבען פערצויגען אַ רייד וועגען עממי. איך האָב געמאַכט איין ערנסטע מינע אונ געאַנטפערט:

– דאָס פרייליין, ווי שאָן זי איז, אַזוי זיטטליך איז זי. זי איז שוין פערקנסט אונ איהר חתן איז זייער אַ ווירדיגער מענש. איך אַכטע איהר שכל, אַזוי ווי איך בּעוואונדער איהר שאָנהייט.

– גוט געזאָגט! האָט סטירפּאַרס אויסגעשריען. – הערט, הערט, הערט!

איצט רייד איך. איך וויל מיט איין מאל שטיללען איהר נייגיער אזוי, אז זי זאלל ניט האבען מער צו פראגען. דאס ווירדיגע פריילען, מיסס מויטשער לערינט זיך נייען ביי אמער אונ שווארץ אין גאלאנטעריינען מאגאזין. פערשטאנדליך? זי וואהנט ביי אמער אונ שווארץ. זי איז טאקע פערקנסט מיט איהר שוועסטער קינד. זיין נאמען איז חם. די פאמיליע-פעגאטטי; ער בעשעפטיגט זיך מיט שיפפ-ארבייט; די כלה איז א וואונדערבארע שאנהייט אין פאללען זינן דעם ווארט. איך ליעב איהר פון טיעפען הארצען. אבענדצייט פון מאגאזין גייט זי צום פעטער אונ דארט שלאפט זי. דעם פעטערס נאמען איז מיר אונבעוואוסט; זיין פאמיליע איז פעגאטטי! ער איז א פישער. געפינט זיך אין דער שטאדט. עמיליע איז זיינע א פלימעניצע. ווען איך זאלל ניט מורא האבען פערשאפפען קריינקונג מיין פריינד קאפפערפילד, וואלט איך נאך צו געגעבען, אז מיסס עממי טהוט די גראסטע נארישקייט אין דער וועלט, אבגעבענדיג איהר האנד אונ הארץ דעם מענשען, וואס פאר קיין פאלל קאנן ער ניט זיין פאר איהר א פאר. זי האט געקאנט מאכען א בעסערע קאריערע. איך בין זיכער, אז זי איז בעשאפען צו זיין א לעדי.

מיסס מויטשער האט עס אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, אנבייגענדיג דעם קאפ אויף איין זייט אונ קוקענדיג אויף'ן סופיט. נור ווי סטירפארס האט געענדיגט זיין רעדע, איז זי געווארען בעלעבט אונ גענוממען אין איין הייליגניש ריידען.

– אח, אט דאס איז נאר? מער נאר ניט? האט מיסס מויטשער אויסגעשריען, אונטערשרעכענדיג ביי מיין חבר די וואנסען אונ באקענבארדען. זייער גוט, יונגע דשוזענטעלמענעם, זייער גוט. די מעשה איז א לאנגע אונ דאס איז איהר ענדע: „זיי האבען געלעבט לאנג אונ זיינען געווען גליקליך”, ניט אזוי? אזוי, דובט, שפיעלט מען ביי אונז אין פפאנדען? א שאנער שפיעל! איך ליעב די שאנע ע., וויל זי כשופט מיט איהר שאנהייט; איך האב פיינד די שאנע ע., ווייל זי איז פערקנסט מיט א צווייטען. איך האב פון איהר ראכע גענוממען מיט דעם, וואס אין איין אבענד האב איך איהר אוועק גערויבט אונ אוועק געפיהרט אין מזרח לאנד. דער נאמען פון דער קראסאוויצע איז עמיליע. חא, חא, חא! וואס פאר א באלבעטוניכע איך בין, מ-ר קאפפערפילד, ניט אמת?

זי האט אויף מיך א ווארף געטאן א שארפען בליק אונ, ניט דערווארטענדיג זיך אויף מיין אנטפער, האט זי ווייטער גערעדט:

– נו, וואס איז איצט? אויב איך פערשטיי וועמעס קאפ-איז עס אייערע, מיין ליעבער פריינד, איר קאנט איצט גיין אויף אייער ארט, אונ אויב מ-ר קאפפערפילד וויל מיך בעעהרען מיט זיין סעאנס, בין איך איהם גרייט צום דיענען.

– ניין, מיסס מויטשער, איך דאנק אייך. ניט היינט.

– אָ, זאָגט עס ניט! האָט די קליינעצקע געזאָגט, בעטראַכטענדיג מיך מיט'ן ערפּאַהרענעם בליק פון איין אַרטיסטין. איר דאַרפט גרעסער מאַכען די ברעמען; איר ווילט נישט?

– איך דאַנק אייך. זאָלל זיין אויף איין אַנדערש מאָל.

– איר האָט זיי געדאַרפט אויסציהען אויף אַ פיערטעל דיום צו די שלייפען: איר ווילט נישט? אין אַ פּאָר וואָכען מאַך איך עס אייך פאַרטיג. גוט?

– ניין, מיסס מוטשער, איך דאַנק אייך. ניט איצט.

– זעצט זיך האָטש אויף איין מינוט, יונגער דזשענטלמען. מיר וועלען אייך אונטערבעטען די וואָנסען. איר ווילט ניט? ס'וועלען אויסוואַכסען גרויסע וואָנסען אונ גאָר גיך.

איך בין רויט געוואָרען, פיהלענדיג, אַז מען האָט מיר אָנגעריהרט ביי דער סאַמע פיהלענדע סטרונע אונ האָב זיך ענטזאַגט פון איהר דיענען. זעהענדיג, אַז איך לאָז זיך ניט איינריידען, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט האָבען די עהרע איין אַנדערש מאָל בעשעפטיגען זיך מיט מיר. זי האָט געבעטען מיין האַנד אונ, אָנשפּאַרענדיג זיך אָן מיין אַכסעל, איז זי געשיקט אַראָב געשפּרונגען פון טיש. די פינף שיללינג, וואָס סטירפּאָרס האָט איהר בעצאָהלט, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אין דער לופט אונ דערנאָך אָנגעהאַפּט זיי מיט'ן דאַלאָן, אַריין געלייגט אין קעשענע אונ צוגעקלאַפּט מיט דער האַנד.

זי האָט צונויפגעלייגט איהרע אינסטרומענטען צוריק אין רידיקיול אונ האָט שוין געזאָלט אַרויס גיין, נור ביי דער טהיר האָט זי זיך אָבגעשטעלט אונ געזאָגט:

– ווילט איר ניט, מיינע העררען, האָבען אויף אַנדיינקונג פון מיר אַ פּאָר לאָקען פון מיינע האָר? דאָס וואָלט געקאָנט בעפּוצען אייערע מעדאַליאָנעס. חאַ. חאַ, חאַ! ניט אמת, איך בין אַ לייכטזיניגע.

ביי די ווערטער האָט זי די נאָז אָבגעריבען אָן שפּיץ פינגער, געעפענט די טהיר אונ איז אַרויס.

סטירפּאָרס האָט זיך פערקייכט פון געלאַכטער, איך, אויף איהם קוקענדיג, האָב אויך געלאַכט, זאָגאַר איך האָב ניט אַרויסגעזעהן פון וואָס איז דאָ פאַראַן צו לאַכען. אַז מיר האָבען זיך אָנגעלאַכט ביז גענוג, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז מיסס מוטשער האָט אַ גרויסע בעקאַנטשאַפט אין די גרעסטע אַריסטאָקראַטישע הייזער, נאָך סטירפּאָרס'ס מיינונג איז זי געווען אַ הויפּט קלוגע אונ שאַרפזיניגע פרוי. אויף מיין פראַגע, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט זי: איז זי אַ גוטע צו אַ זיטליכע, האָט סטירפּאָרס ניט געענטפערט, זאָגאַר איך האָב די פראַגע געמאַכט צוויי מאָל.

אַ גאַנצען אָבענד האָבען מיר נור גערעדט וועגען איהר, ענדליך האָב איך זיך אויף געהויבען פון מיין אָרט אונ בין אַוועק צו באַרקיס. קומענדיג שוין נעבען

שטוב, בין איך געוואָרען איבערראשט, דערזעהענדיג, ווי חם שפּאַצירט פערביי דעם טהויער און נאָך מער בין איך איבערראשט געוואָרען, הערענדיג פון איהם, אז די קליינע עממי געפינט זיך ביי מיין ניאַנע אין צימער.

— טאַ פאַר וואָס שטייט איר דאָ? האָב איך געפרעגט.

— איך קאָן ניט אריין, מאסטער דעווי, מען קאָן ניט. עמיליע איז אַ הער געקומען איבער ריידען דאָ מיט עמיצען... אַ סוד מעשה—איר פערשטייט?

— זייער שאָן! צו ליעב דעם טאַקע דאַרפט איר, חם, אַריין אין צימער, האָב איך געזאָגט, שמייכלענד.

— אזוי איז דאָס טאַקע אַזוי, נור פערשטייט איר מיך, זי שמועסט דאָרט מיט אַ יונגע פרויענצימער, האָט ער געזאָגט שטיל, ווי מען דערצאהלט אַ סוד. עמיליע איז מיט איהר פריהר געוועזען בעקאַנט און איצט דאַרף זי זיך מיט איהר ניט קאָננען.

הערענדיג די ווערטער האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער געהיימע פיגור, וואָס איז זיי נאָך געגאַנגען מיט עטליכע שעה צוריק.

— דאָס איז איין אונגליקליכע פרויענצימער, מאסטער דעווי, אַ קלאָגליכע בעשאַפעניש, וועלכע אונזער גאַנצע שטאָדט טרעט מיט די פיס. זי קאָן די אויגען ניט ווייזען אויף דער גאַס. אָט וואָס, מאסטער דעווי!

— צו האָב איך דאָס ניט איהר געזעהן היינט פערנאַכט, ווען מיר האָבען זיך אָנגעגעגנט?

— זי איז דאָס טאַקע הינטער אונז געגאַנגען. ס'קאָנן גריילך זיין, אַז איר האָט איהר טאַקע געזעהן, מאסטער דעווי. מסתמא האָט איר געזעהן איהר.

— האָט זי אייך אָנגעיאָגט?

— ניין, מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט, אַז זי גייט הינטער אונז. נור ווען מיר זיינען אַריין אין שטוב האָט זי זיך שטיל אונטערגעגנבעט אונטער עמיליעס פענסטער, פון וואַנען ס'האָט זיך געזעהן פייער, און געזאָגט שאַפּענדיג: „עמיליע, עמיליע, האָב רחמנות אויף איין אָרימע פרויענצימער. פריהר בין איך אויך געוועזען אַזוי ווי דו, עמיליע“. דאָס זיינען געוועזען פייערליכע ווערטער, מאסטער דעווי, פייערליכע ווערטער.

— געוויס, געוויס. וואָס האָט עמיליע געענטפערט?

— אָט וואָס, מאסטער דעווי: „מאַרטאַ, דו ביזט עס?“ זיי האָבען ביידע, פערשטייט איר מיך, געאַרבייט צוזאַממען אין איין מאַגאַזין. מען רופט איהר מאַרטאַ ענדעל, סער. זי איז עלטער פאַר עמיליען מיט צוויי דריי יאָר, נור זיי האָבען געלערנט אין איין פאַנסיאָן און דערנאָך געאַרבייט צוזאַממען. זי האָט, פערשטייט איר, געדאַרפט ריידען מיט עמיליען. עמיליע האָט איהר ביי זיך ניט געקאָנט צונעמען, ווייל דער פעטער איז געוועזען אין שטוב, און ער וואָלט ניט

אײנװילליגען . . . יע, מאַסטער דעװי, האָט חם װײטער גערעדט בעלעבט, – דער פעטער דן איז דער בעסטער מענש; נור אפילו פאַר אַללע אוצרות װאָס זײנען אײנגעזונקען געװאָרען אין תהום צײט די װעלט שטײט, װאָלט ער ניט מרוצה געװאָרען זעהן די קלאָגליכע בעשאַפעניש נעבען זײן פלימעניצע. דערפאַר בין איך ערוב, מאַסטער דעװי.

נור קײן ערבות האָט מען ניט געדאַרפט. איך האָב געװאוסט ניט ערגער פון חם, װי װײט אמת דאָס איז געװען.

– עמיליע האָט גענומען אַ בלײפעדער און אָנגעשריבען אַ צעטעלע, און האָט עס איבערגעגעבען מאַרטאַ׳ן דורך׳ן פענסטער: װײז דאָס צעטעלע מײן מוהמען מ–ס באַרקים, האָט זי צו איהר געזאָגט, װעט זי דיך אַרײן לאָזען צו זיך, און װען דער פעטער װעט אַװעק גײן, װעלל איך גלײך קומען צו דיר. דערנאָך האָט זי דערצאָהלט אַלס, װאָס איר װײסט שוין, און זי האָט מיך געבעטען, איך זאָלל איהר בעגלײטען ביז דאַנען. װאָס האָב איך געזאָלט טהון? פערשטײט זיך, אַז זי דאַרף ניט פיהרען קײן בעקאַנטשאַפט מיט אַזא פרויענצימער, נור איך קאָן דאָך איהר ניט אָב זאָגען, אַז איך זעה טרערען אויף איהרע אויגען.

ער האָט אַרײן גערוקט די האַנד צו זיך אין בוזען אונטער׳ן חאַלאַט און האָט פון דאָרטען אַרויסגענומען אַ קלײן טײסטערל.

– נו, װען אפילו איך זאָלל האָבען מוטה ניט קוקען אויף איהרע טרערען, האָט חם געזאָגט און צאַרטליך געגלעט דאָס טײסטערל, װאָס אָבער האָב איך געזאָלט טהון, מאַסטער דעװי, אַז זי האָט מיר געגעבען אָט די זאַך און געזאָגט: „נאַ, חם, טראָג מיר אונטער“. איך בין דאָך ניט קײן שטײנענער, מאַסטער דעװי. װאָס פאַר אַ צאַצקע, פשוט אַ פערקוקעניש! דאָס װעט פאַר איהר זײן אַ דשעזנע, האָט חם געזאָגט און בעטראַכט דאָס טײסטערל. אַה, װי קנאַפ געלט דאָ איז! אָרימע עמי!

איך האָב מיט היטץ אַ דריק געטהאָן איהם די האַנד און פון אינערליכען בעװעגונג האָב איך קײן כח ניט געהאַט אויסרײדען אַ װאָרט. שטיל זײנען מיר בײדע געגאַנגען הין און צוריק פערבײ דעם טהויער. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך די טהיר געעפענט און פעגאָטטי האָט געגעבען אַ װינק צו חם, אַז ער קאָנן אַרײן גײן. איך האָב שוין געװאָלט אומקעהרען זיך צוריק און האָב שוין זאַגאַר געמאַכט עטליכע טריט, נור פעגאָטטי האָט מיך אָנגעיאָגט און גענומען מיך בעטען, איך זאָלל אויך אַרײן גײן. איך האָב געװאָלט אַרויף גײן גלײך צו זיך אין צימער נור ס׳איז ניט געװען מעגליך מײדען די קיך. אַז די טהיר האָט זיך געעפענט, האָב איך זיך פלוצים ערװאַכט צװישען זײ אַללעמען אין קיך.

דאָס יונגע פרויענצימער, מאַרטאַ, איז געזעססען נעבען קאַמין אויף דער פאָדלאָגע מיט אײן אָראָב געלאָזטען קאָפּ און אײן האַנד איהרע איז געלעגען

אויף'ן פאטעל. איך האב פערשטאנגען, אז ניט לאנג האט זיך עמיליע אויפגעהויבען פון דער פאטעל אונ דער אראבגעלאזטער קאפ פון איהר אונגליקליכע פריינדין איז געלעגען ביי איהר אויפ'ן שויס, די פערנאנדערגעלאזטע האר האבען האלב פער־דעקט ביי מארטא העגדעל דאס געזיכט, נור פון ערשטען בליק האב איך בעמערקט, אז זי איז יונג אונ שאן. פעגאטטי האט געוויינט. עמיליע האט געוויינט. איינינע מינוט האט געדויערט די שטילקייט, וועלכע איז נור איבערגעריסען געווארען פון שלאגען פון זייגער.

עמיליע האט די ערשטע איבער געריסען די שטיללקייט.

– מארטא וויל פאהרען אין לאנדאן, האט זי געזאגט צו הם.

– פאר וואס עפעס אין לאנדאן? האט הם געפרעגט.

ער איז געשטאנגען צווישען זיי אונ האט געקוקט אויף דאס אונגליקליכע מיידעל מיט א רחמנות געפיהל, נור דאביי האט ער געהאט א-נ-איגערליכע פערדרוס. דער אויסדרוק פון זיינע אויגען האט זיך אויף אייביג אבגעשטעלט אין מיין זכרון. זיי האבען ביידע גערעדט אזוי שטילל, פונקט מארטא זאלל זיין א חולה.

– מיר איז בעסער צו זיין דארט, אלס דא, האט געאנטפערט א דריטער קול הויך.

דאס האט מארטא געזאגט, בלייבענדיג זיצען אונבעוועגט אין איהר פריהערדיגע פאזע.

– דארט קאן מיך קיינע ניט. דא קאננען מיך אללע.

– וואס וועט זי דארט טהון? האט הם געפרעגט.

מארטא האט אויפגעהויבען איהר קאפ אונ האט אויף איהם א ווארף געטאן א פינסטערען בליק; דערנאך האט זי זיך מיט ביידע האנד א חאפ געטאן פאר'ן האלז ריכטיג ווי א דאננער זאלל איהר א קלאפ טהון.

– זי וועט זיך דארט סטארען לעבען ארדענטליך, האט געזאגט די קליינע עממי. דו ווייסט ניט, וואס זי האט אונז איצט געזאגט. זאגען איהם?... זאגען זיי, מוהמינקע?

פעגאטטי האט מיט רחמנות געשאקעלט דען קאפ.

– איך וועלל זיך סטארען פערבעסערען, אויב איר וועט מיר העלפען אוועק פאהרען פון דאנען. ערגער פון דעם, וואס איך בין געוועזען דא, דארט ניט זיין. אין לאנדאן וועלל איך זיך סטארען אויפפיהרען זיך גוט. א, אין גאטס נאמען! העלפט מיר אוועק ווארפען די גאססען, וואו מען קאן מיך פון די קינדערשע יארען.

עמיליע האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צו הם אונ איך האב בעמערקט, אז ער האט איהר דערלאנגט א לייוואנדענע ביטעלע. זי האט עס צוגענוממען, רעכענענדיג, אז דאס איז איהר טייסטעריל אונ האט שוין געמאכט א פאר טריט. נור חאפענדיג איהר טעות, האט זי זיך אומגעקעהרט צוריק.

– דו האסט א טעות געהאט, מיין פריינד, האט עמיליע געזאגט, אבגעבענדיג איהם זיין ביטעלע.

– ניין. דאס אלס איז דיינע, עממי, האט חם געאנטפערט. – איך האב קיין זאך ניט אויף דער וועלט, וואס זאלל ניט געהערען צו דיר. אויסער דיר, האב איך קיין שום פערגניגען ניט פון קיין שום זאך.

ביי עממי האבען זיך אנגערוקט טרערען אין די אויגען; נור זי האט זיך אב געקעהרט אונ איז צו געגאנגען צו איהר פריינדין. וואס האט זי איהר געגעבען, ווייס איך ניט. איך האב נור געזעהן, אז זי האט זיך אנגעבויגען איבער איהר קאפ אונ איהר דאס געלט אריין געלייגט אין בוזען, דערנאך האט זי איהר איינגערוימט עטליכע ווערטער אונ געפרעגט:

– געננוג וועט זיין, מארטא?

– א, נאך מער ווי געננוג! האט געאנטפערט די אונגליקליכע, קושענדיג די האנד ביי עממי.

דערנאך האט זי זיך אויפגעהויבען, האט פערריכט די שאל אויף די אכסלען פערוויקעלט מיט איהר דאס געזיכט, פערנאנדערגעווייגט זיך אויף'ן קול אונ איז לאנגזאם אוועק צו דער טהיר. אויף'ן שוועל איז זי געבליבען א ווייללע שטיין, ריכטיג ווי זי זאלל האבען בדעה עפעס צו זאגען; נור קיין ווארט האט זיך ניט אב געריסען פון איהר צונג. ענדליך האט זי ארויס געלאזט א טויבען, קראנקען קרעכץ אונ די אונגליקליכע איז ארויס.

איצט, אז די טהיר האט זיך פערמאכט, האט די קליינע עממי אויף אונז א קוק געטאן צושראקען אונ האט זיך ביטער צו וויינט.

– געננוג, עממי! האט חם געזאגט, צו ריהרענדיג זיך צו איהר אכסעל. – נו, געננוג, מיין פריינד. וואס האסטו צו וויינען, מיין קראסאוויצע?

– א, חם! האט זי אויסגעשריען, בעגיסענדיג זיך ווייטער מיט ביטערע טרערען, – איך בין גאר ניט אזוי, גוט, ווי איך האב בעדארפט צו זיין. מיין הארץ פיהלט ניט א מאל די דאנקבארקייט, וועלכע איך דארף צו דיר האבען.

– וואס איז עס פאר א ווארטער, עמיליע! האט חם געאנטפערט. – דו האסט א דאנקבארע הארץ, איך ווייס.

– ניין! ניין! ניין! האט עממי אויסגעשריען, וויינענדיג אויף'ן קול, פער-צווייפעלט, איך בין גאר ניט אזוי גוט, ווי איך דארף זיין, איך בין אייך אללעמען אונדאנקבאר.

אונ זי האט ניט אויפגעהערט צו וויינען, ריכטיג ווי איהר הארץ זאלל זיך צורייסען פון קיממער.

– זייער אפט אונ זייער אונפארזיכטיג, בין איך מדחה דיין ליעבע, פריינד מיינער! האט עמיליע געיאמערט. איך פייניג דיך מיט מיין לייכטזיניגקייט אונ שגעונות, ווען דו ביזט שטענדיג צו מיר אזוי גוט אונ מילד אנשטאדט א דאנק האסטו פון מיר נור בעליידיגונג. א, איך האב נור אין זינן געדארפט האבען ווי דיך צו בעגליקען!

– איך בין גליקליך, נשמה מיינע, האט חם געזאגט,– איך בין שוין גליקליך מיט דעם, אז איך זעה דיך. איך בין גליקליך פון פריה ביז נאכט מיט דעם אליין, וואס איך דיינק וועגען דיר.

אח? דאס איז וויינינ! האט עמי געיאממערט. דו ביזט זייער גראסמוטהיג, ליעבער חם, אין דער צייט, ווען איך... א, בעסער ליעב א צווייטע מיידעל, וואס זאלל זיין געזעצטער און ערנסטער פון מיר!... דו וואלסט מיט איהר ווירקליך געוועזען גליקליך און זי וואלט זיך צו דיר צוגעבונדען מיט דער גאנצער זעלע.... איך בין זייער לייכטזיננינ. איך בין ניט ווערט דיך צו האבען.

– ארימע! האט חם געזאגט מיט א האלבען מויל: – מארטא האט דיך גאר צו מישט.

– מוהמינקע, קום אונטער צו מיר! האט עמיליע געיאממערט. – לאז מיר אב רוהען אויף דיין הארצען. איך בין אין דער מינוט זייער אונגליקליך! וואס זאלל איך טהון? איך בין גאר ניט אזא גוטע, ווי איהר רעכענט מיך, איך וויים.

פעגאטטי איז צוגעגאנגען צום שטוהל ביים קאמין. עמיליע האט איהר ארום גענוממען מיט די האנד ביים האלז און האט זיך פאר איהר געשטעללט אויף די קניע. אין איהרע בליקען האט זיך געשפיעגעלט א קיממער, וואס איז גאר ניט צו בעשרייבען.

– מוהמינקע, העלף מיר! חם, ליעבער פריינד מיינער, העלף מיר! מ–ר דוד, איך בעט אייך רחמים, אין נאמען פון אונזער אלטע בעקאנטשאפט, העלפט מיר! איך וויל זיין א בעסערע מיידעל, איך וויל זיין דאנקבאר און גראסמוטהיג. איך וויל פיהלען דעם גאנצען גליקק זיין א פרוי ביי אזא ווירדיגען מענשען און פיהרען מיט איהם א רוהיגען לעבען. א, מיין גאט! מיין גאט! א, מיין הארץ, מיין ארימע הארץ!

אין דעם בעטען און קלאגען האבען זיך געהערט יסורים אי פון א פרויען־צימער אי פון א קינד, וואס צורייסען דאס הארץ. עמיליע איז אין דער ווירקליכ־קייט געוועזען מער אהנליך אויף א קינד אלס אויף א דערוואכסענע פרויענצימער, און דאס האט איהר מיידעלשער שאנהייט צוגעגעבען חן. איצט איז זי געפאללען מיין אלטע ניאנע אויפ'ן הארצען און האט שטילל געוויינט, פעגאטטי האט איהר געוויגט, ווי א קליין קינד.

ביסלעכוויים האט זיך איהר וויינען געשטיללט, און מיר האבען אללע גענוממען טרייסטען איהר, ריידענדיג ערנסט און מאכענדיג שפאס. עמיליע האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט שוין רוהיג געאנטפערט אויף אללע אונזערע פראגעס. ענדליך האט זי א שמייכעל געטאן און געלאכט צוזאממען מיט אונז. פעגאטטי האט איהר פעררינכט די לאקען און געוואשט איהר די אויגען, כדי דעם פעטער דן, ווען זיי וועללען קוממען א היים, זאלל חם ושלום ניט ארויף אויף'ן געדאנק, אז זיין פלימעניצע האט געוויינט.

אין די נאכט האט עמיליע געטאן אזא זאך, וואס איך האב עס נאך קיין מאל ניט בעמערקט. זי האט איהר חתן א קוש געטאן אין באק און האט זיך צו איהם צוגעדריקט, פונקט ווי ער זאלל זיין איהר בעסטער בעשיצער פאר דפארע אין איהר לעבען. זיי זיינען ארוים פון דער זעלבע טהיר, פון וואנען מיט א שעה צוריק איז ארוים דאס אונגליקליכע פרויענצימער. וואס פאר א-נ-אונטערשיעד איז צווישען עמיליען און מארטא!

און זיי זיינען אוועק א היים פאזע ים, ביים בלייכען שיין פון דער לבנה ארוים שטעלענדיג דעם קאפ פון פענסטער, האב איך בעמערקט, אז עמיליע האט זיך שטייף צוגעדריקט צו איהר חתן.

II.

איך קלייב אוים א וועג אין לעבען.

אויפהאפענדיג זיך אין דער פריה, האב איך לאנג געטראכט וועגען דער קליינער עמי און וועגען איהר צורודערונג נאכטען אבענד, ווען זי האט זיך געשיידט מיט איהר אונגליקליכע פריינדין. איך בין ניט ווילענדיג געווארען א עדות פון שטובינע שוואכע און צארטליכע סצענעס, וואס געוועהנליך שטערט מען זיך פון א פרעמדען אויג. ענטדעקען וואס איך האב געזעהן און געהערט אפילו סטירפארס׳ן, האב איך גערעכענט פאר אונארטיג פון מיינער זייט, עמיליע איז געווען א חבר און פריינד פון מיינע קינדישע יארען. דאמאלס בין איך געווען זיכער ווי איך בין איצט זיכער, אז איך האב צו איהר געפיהלט א אמתע, טיעפע צוגעבונדענקייט, אהן עגאאיזמוס, אהן אייגענגוטין. פרעמדע אויערען דארפען ניט אויסהערען דאס, וואס זי האט ארויס געזאגט אין דער מינוט, ווען זי איז געווען אפענהערציג, ווען איהר הארץ איז געווען פולל. איך האב געפיהלט, אז ענטדעקען דעם סוד וואלט זייער ניט פאסטען פאר מיר, וואלט ניט פאסטען פאר דער קינדישער ליעבע, וואס איך האב געפיהלט צו דער יונגער געשאפף, וועלכע איז געווען אזוי פראסט און אונשולדיג. פון דער צייט האט עמיליעס בילד געקראגען אין מיינע אויגען מער חן.

צום פריהשטאג האט מען מיר דערלאנגט א בריעף פון דער באבען. אין דעם בריעף איז געווען א נייעס. וועלכען איך האב זיך בעשלאסען דערצאהלען סטירפארס׳ן, ווייל אין דעם היינזיכט האט ער מיר געקאנט זיין נוטציג מיט זיינע עצות. נור מיר האבען אבגעלייגט דאס ריידען אויפ׳ן וועג, ווייל איצט האבען מיר אזוי אויך געהאט היבש ארבייט: מיר האבען זיך געדארפט זעגענען מיט די יארמאאוזער בעקאנטע. דאס געזעגענען איז געווען ריהרענד. מ-ר בארקיס האט געדאנה׳ט פון גאנצען הארצען און ער וואלט, אהן א ספק, מרוצה ווערען

מקריב זיין נאך א גיניע כדי אב צוהאלטען אונז נאך אויף א מעת לעת. מ-ר פעגאטטי אונ דאס גאנצע געזינד זיינען געוועזען האבסט אויפגערידערט. א גאנצע מחנה פון יארמאאוזער פישער אונ שיפפער זיינען געקוממען בעדיענען סטירפארס'ן, טראגען אונזער טשעמאדאנעס צום דילישזאנס. מיט איין װארט נאך אונזער אבפאהרען האבען מיר איבערגעלאזט פיעל מענשען אין גרויס טרויער.

— אונ איר, ליטטימער, שטעללט זיך דא אב אויף לאנג? האב איך געפרעגט, װען ער איז געשטאנען ביים דילישזאנס.

— ניין, סער, ניט אויף לאנג, האט ליטטימער געאנטפערט. — איך רעכען, אז ניט אויף לאנג.

— ער װייס עס אלליין ניט, האט סטירפארס בעמערקט. ער װייס נור, װאס ער דארף טהון אונ געוויס װעט ער זיינס מאכען.

— אין דעם איז גאר קיין צווייפעל ניט! האב איך געזאגט. — ליטטימער װעט געוויס מאכען, װאס מען הייסט איהם.

דער רעספעקטעבעלער דיענער האט בעריהרט זיין הוט, אויף א צייכען, אז ער שטיממט איין מיט מיין מיינונג אונ איך האב אין דער מינוט געפיהלט, אז איך בין עלטער געווארען לכל הפחות אויף אכט יאר.

א היבשע צייט האט זיך ביי אונז דאס געשפרעך ניט געקלעפט. סטירפארס איז געוועזען זייער שווייגיג. איך בין אויך געוועזען פערנומען מיט מחשבות. פלוצים איז סטירפארס געווארען פרייהליכער אונ אין איין אויגענבליק איז ער געווארען רייידענדיג ער האט מיר א ציה געטאן ביים ארבעל אונ געזאגט.

— װאס דאנהסטו, מיין פריינד? ענטפער א װארט. װעגען װאס פאר א בריעף האסטו גערעדט ביים פריהשטאג?

איך האב איהם ערהאלטען פון דער באבען, האב איך געזאגט, ארויס-נעמענדיג דעם בריעף פון קעשענע.

— זייער גוט. װאס שרייבט זי?

— די באבע דערמאנט מיר אן דעם ציעל פון מיין רייזע אונ זי חזרט איבער א צווייטען מאל, אז איך רייז לויט צו ליעב דעם, בעקאנען זיך מיט דער װעלט.

— נו אונ דו האסט געוויס ערדרייכט דיין ציעל?

— ניט אין גאנצען. דעם אמת זאגענדיג האב איך כמעט פערגעססען נאך װאס בין איך געפאהרען. מיינע בעאבאכטונגען זיינען ניט מער געווארען.

— װאס שטערט דיר איצט פערמערען זיי? האט סטירפארס געזאגט. דו קאנסט נאך איצט אויך פערריכטען. גיב א קוק רעכטס, װעסטו זעהן א גרויסע פעלד מיט בלאטטעס אונ זומפען, װאו אייביג קוואקען די שזאבעס. װענדט אב דיין בליק לינקס—איז פאר דיינע אויגען װייטער די זעלבע קארטינע. גיב א קוק הינטער זיך — װייטער פעלד. פאר א רייזענדען פהילאזאף איז דא א גרויסע פעלד צו בעאבאכטען!

איך האָב זיך צולאַכט און געזאָגט, אַז איך זעה דאָ ניט קיין שום פּאָשזיווע ניט פאַר קיין פילאָזאָף און ניט פאַר קיין וואַנדערער.

— טאָ וועגען וואָס שרייבט דיר די באָבע האָט סטירפּאַרס געפרעגט, אַ קוק געבענדיג אויף'ן בריעף אין מיין האַנד. האָט זי אַקאָרשט ניט אָבגעזוכט פאַר דיר קיין בעשעפטיגונג?

— יע, דו האָסט כמעט געטראָפען. די באָבע פרעגט מיך, אויב איך וויל ניט ווערען אַ פּראַקטאָר. וואָס זאָגסטו? איך וועל טוען דערצו?

— ריכטיג איך ווייס דיר ניט וואָס צו זאָגען. נור פאַר וואָס זאָלסטו ניט טוען? מיר דוכט, אַז דו קאָנסט זיך נעמען דערצו, ווי צו אַ-נ-אַנדער זאַך.

— וואָס איז אַ פּראַקטאָר סטירפּאַרס?

— דאָס איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס אַ פּראָקוראָר אין גראַשזדאַנסקען סוד.

די סבה פאַר וואָס די באָבע האָט פאַר מיר אויסגעזוכט אַזאַ שטעלל, איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס אין דער לעצטע צייט האָט זי געהאַט פיעל אונ־אַנגענאָהמליכקייט אין דער דאָקטאָרשע געמיינדע וואו די שטעלל איז געווען און וואו זי איז געפּאָהרען איבער מאַכען איהר צוואה אין מיין פאַלזע. זי האָט זיך אויס־געדרעכענט, אַז ס'איז אַ סך גלייכער האָבען אין דער געמיינדע אַ-נ-אייגענען מענשען פאַר אַ פּראַקטאָר, אַלס האָבען דאָרט געשעפטען מיט פרעמדע. איך האָב דאָס אַרויס געזאָגט פאַר סטירפּאַרס'ן.

— דאָס ווייזט, אַז דיין באָבע איז ניט קיין נאַרר, האָט סטירפּאַרס געזאָגט. — איך ראָטה דיר, דעווי, טהון, ווי זי פערלאַנגט.

ביי מיר איז געבליבען טהון, ווי ער ראָטה. די באָבע האָט מיר געשריבען אין בריעף, אַז זי וואַרט אויף מיר אין לאָנדאָן, וואו זי האָט געדונגען אַ דירה אין אַ האָטעל. די דירה איז געווען זייער אַ גוטע מיט אַ געמויערטען טרעפּ און אַ טהיר צום דאַך. די באָבע איז געווען זיכער, אַז אין לאָנדאָן זיינען אַללע טאָג שׂרפות און דאַריבער, פערשטעהט זיך, זיינען נויטהיג געמויערטע טרעפּ אין אַ רעכטע דירה.

די איבריגע צייט פון אונזער רייזע האָבען מיר פערבראַכט זייער פריילאָך. סטירפּאַרס האָט פאָרגעשטעלט מיין פּראַקטאָרסטוואָ אין פיעל לאַכערליכע קאַרטינגעס און געלאַכט, פאַרשטעלענדיג מיך אין אַ ריכטער-פאַריק. אויף דער לעצטער סטאַנציע האָבען מיר זיך געשיידט. סטירפּאַרס האָט פון מיר גענומען אַ וואָרט בעזוכען איהם אין אַ פּאָר טאָג אַרום. איך בין גלייך אַוועק צו דער באָבען אין האָטעל. די באָבע האָט אויף מיר געוואַרט מיט מיטטאָג.

מיר האָבען זיך אַזוי געפרייהט איינער מיט'ן צווייטען, פונקט איך זאָלל האָבען געמאַכט אַ רייזע איבער דער גאַנצער וועלט. מיסס בעטסי האָט געוויינט, אומאַרמענדיג מיך, זאַגאַר זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי לאַכט עס. זי האָט געזאָגט, אַז ביי אַזאַ זעהן זיך וואָלט מיין אָרימע מוטער געוויסס זיך צו וויינט, ווען זי זאָלל דערלעבען ביז היינטיגען טאָג.

— איז מ—ר דיקק פערבליבען צו הויזע, באבע? האב איך געפרעגט. — שאדע. — וואס מאכט איר, שזאנעטע?

— איך שזאלעווע אויך, וואס איך האב איהם דארט געלאזט. האט די באבע געזאגט. איך בין נאך איין מינוט ניט רוהיג געווען, צייט איך בין אהער געקומען.

נאך איידער איך האב צייט געהאט פרעגען, וואס איז די סבה דערפון, האט די באבע מעלאנכאליש א נידער געלייגט איהר האנד אויף'ן טיש און געזאגט:

— איך בין זיכער, אז מ—ר דיקק מיט זיין מילדען חאראקטער קאנן זיך ניט ספראווען מיט די איזלען. ניט זיין גבורה, ניט זיין שטייפקייט איז דערצו. איך האב אין דערהיים געדארפט איבער לאזען שזאנעטען, וואלט איך דא געווען רוהיגער. איך וויים כמעט ריכטיג, אז היינט פיער א זייגער שפאצירט א-נ-איזעל איבער מיין לאנקע. איך האב אין מיין גאנצען קערפער געפיהלט א פיבער, און דאס ווייזט, אז דארט גייט ארום א-נ-איזעל.

איך האב געפרובט זאגען דער באבען עטליכע טרייסט ווערטער, נור די באבע האט זיך ניט געלאזט טרייסטען.

— איך וויים, אז דארט איז ארום געגאנגען א-נ-איזעל, דאס פארגעפיהל נארט מיך קיין מאל ניט אב. איך וויים זאגאר, אז דאס איז געווען דער זעלבער שטארקער איזעל מיט'ן לאנגען עק, אויף וועלכען דעם מערדערס שוועסטער האט דאמאלס געריטען.

דער מערדער איז געווען מארדסטאן; קיין אנדער נאמען האט זי פאר איהם ניט געהאט.

— אין גאנץ דובער איז ניטא נאך א בהמה, וואס זאלל זיין אזוי אהן חרפה און אהן בושה ווי א-נ—איזעל, האט די באבע פערענדיגט איהרע רייד, א קלאפ טהוענדיג מיט'ן קולאק אן טיש. אנדערע האבען נאך עפעס א ביסעל בושה, נור דער עזות'ניק — איזעל פערשטייט ניט קיין שום דעליקאטנאסט.

שזאנעטע האט זיך ערלויבט ערקלערען דער באבען, אז איהר מורא האבען איז אומזיסט, ווייל זי וויים ריכטיג, אז דער איזעל, וועגען וועלכען די באבע רעדט, איז איצט געווען געדונגען ארויף פיהרען זאמד און שפאנער פון ברעג ים. כבן קאן דאך ניט זיין, אז אין איין צייט זאלל ער זיך געפינען אי אויף'ן ברעג ים, אי אויף דער לאנקע. נור די באבע האט קיין זאך ניט געוואלט אויסהערען.

דער מיטטאג איז געווען גוט געקאכט, זאגאר איהר דירה אין האטעל איז געווען גאר אין דער הויך (פאר וואס האט די באבע אויסגעקליבען אזוי הויך, מסתמא ווייל זי האט געוואלט האבען פאר איהרע געלט מער מויערנע טרעפ אדער זי זאלל זיין נאהענטער צום ארויס גאנג אויף'ן דאך). מען האט אונז דערלאנגט צום טיש א געבראטענע הוהן, א ביפשטעקס און גרינס. איך האב געגעסען

מיט גרויס אפעטיט, נור די באבע האט געגעסען וויניג: זי האט געהאט איהר איינענעם מיינונג וועגען לאנדאנער עססענוואַרג.

– ווי געפאללט דיר די אונגליקליכע הוהן? טראט, האט די באבע געפרעגט.

– נישקשה, באבינקע. די הוהן איז זייער געשמאק.

– געשמאק, קאן זיין, איז זי געשמאק – וואס מאכט ניט א געלערטער קובער! נור איך דיינק, אז זי איז געבוירען געווארען אונ אויסגעוואַקסען אין א פערשטיקטען קעלער אונ זי האט געהאט פרישע לופט נור איין מאל אין איהר לעבען, ווען מען האט איהר געטראגען קוילען. דער ביפשטעקס, קאן זיין, איז געמאכט פון פלייש אונ אפשר ניט. דא איז אלס נאכגעמאכט אונ פאלש, אויסער די בלאטע.

– ס'קאן דאך זיין, באבע, אז די הוהן האט מען געבראכט פון א דאביהיגען דארף; איר דיינקט ניט אזוי?

– פערשטייט זיך, אז ניט. די היגע האנדלער זיינען בעוואוסטע גנבים. פאר וואס זאללען זיי פערקויפען פרישע סחורה?

איך האב ניט געוואגט אנטפערען איהר אויף דעם, נור געגעססען האב איך מיט גרויס אפעטיט, צו דער באבעס פערגניגען, וועלכע האט אויף מיך די גאנצע צייט געקוקט מיט דער צארטליכקייט פון א מוטער. אז מען האט צוגענוממען פון טיש, האט איהר שוואגעטע פערקאמט די האר אונ דערלאנגט א שלאף–הויבע, וואס איז געווען געמאכט פון איין אונברענבארע מאטעריע, טאמער מאכט זיך א שרפה. דערנאך האב איך, לויט אונזער מנהג איז געווען, פערפערטיגט א גלאז הייסען, ווייסען וויין, צומישט האלב מיט וואססער אונ א פאר לאנגע אונ דינגע פענעצלאך ברויט. נאך דעם זיינען מיר שוין א גאנצען אבענד פערבליבען אליין. די באבע האט זיך געזעצט קעגען מיר מיט'ן גלאז פאנש, וועלכען זי האט געקאנט טרינקען מיט גרויס קאמפארט. אין איהרע אויגען, וואס זיינען געווען האלב פערדעקט מיט די שפיצען פון דער הויבע, האט געשיינט א גרענצענלאזע געוואנענהייט (חסד) צו מיר.

– נו, טראט, וואס זאגסטו צו דער פראקטארשע שטעלל? נור אפשר האסטו נאך גאר ניט בעטראכט מיין פלאן?

– ניין, באבינקע, איך האב געטראכט זייער פיעל אונ גערעדט לאנג מיט סטירפארס'ן איבער דעם. אייער פלאן געפאללט מיר זייער.

– גאנץ גוט? איך בין זייער צופריעדען.

– איין זאך אבער שטייט מיר אין וועג.

– וואס, למשל?

– וועט דאס ניט קאסטען זייער טהייער?

– דאס וועט קאסטען טויזענד פונט, וועדליג מען האט מיר געזאגט.

– אט דאס טאקע בעאונרוהיגט מיך, ליעבע באבע, האב איך געזאגט צו-

רוקענדיג צו איהר מיין שטוהל. — טויזענד פונט איז א גרויסער אייגענס. איך האט שוין אזוי אויך פיעל געקאסט מיין ערציהונג. אין אינסטיטוט האב איך זיך גערעכענט פון די רייכסטע קינדער. איך דיינק, אז מען קאנן אב זוכען א שטעלל מיט ווינציגער קאסטען. איך וועלל אנווענדען אללע מיינע כחות זיין א טהעטיגער מענש אונ איך וועלל קאנגען האפפען אויף א גוטען צוקונפט. איז ניט בעסער, באבינקע, אבזאגען זיך פון אייער פלאן? זייט איר לכל הפחות זיכער, אז טויזענד פונט איז פאר אייך ניט צו שווער? איך וויל ניט גיין קעגען אייער ווילען, נור איך וויל אייך ניט זיין צו לאסט. בעדיינקט זיך וועגען דעם, מיין צווייטע מוטער.

די באבע האט, ניט אראבנעמענדיג פון מיר די אויגען, געזופט איהר ווייןץ אויסליידיגענדיג דעם לעצטען טראפפען, האט זי אוועק געשטעלט דאס גלאז אויף'ן פאליצקע ביים קאמין, די האנד האט זי א נידערגעלייגט אויף די קניע אונ געגעבען מיר דעם פאלגענדען אנטפער:

— טראט, קינד מיינס, פאר מיר איז געבליבען איין האפנונג אין לעבען: דו זאלסט זיין גוט, אדעל אונ גליקליך דאס איז מיין אונ מ—ר דיקק'ס איינציגער ציעל... איך האב מיט איהם לאנג געטראכט וועגען דעם אונ מיר איז שאדע, וואס ס'איז ניט געווען קיין זייטיגע מענשען, זיי זאללען זעהן מ—ר דיקקס שכל. זיינע מיינונגען זייגען שטענדיג דורך געדרונגען מיט א שארפזינניגקייט. נור וואס זאלל מען טהון? אויסער מיך, פערשטייט קיינער ניט וואס פאר א חכמה אין דעם מענשען שטעקט.

א רגע איז זי געבליבען שטילל, האט מיר גענוממען פאר דער האנד אונ ווייטער גערעדט.

— טראט, נאמיר וועגען דער פערגאנגענער צייט גאר ניט ריידען. ס'איז איבריג דערמאנען א מאליגע צייט ווען זי האט ניט קיין שייכות צו אונזער איצטיגע זאך. ווער ווייס? אפשר האב איך גערארפט צו דיין פאטער זיין פריינדליכער אונ ס'קאנן זיין, אז איך בין ניט גערעכט קעגען איהם. איך האב געוויס גערארפט זיין געניינטער אונ בעסער צו דיין מוטער, זאגאר ווען דיין שוועסטער בעטסי טראטוויד האט אבגענארט אללע מיינע האפנונגען ווען דו ביזט געקוממען אין מיין שטוב אלם ארימעם איינגעל, אבגעריססען, פערמאטערט, אויסגעמוטשעט אונ ברודיג, קאן זיין, איז דאס מיר אלם ארויף אויף'ן געדאנק פון יענער צייט, ביזטו, טראט מיין איינציגער טרייסט שטאלץ אונ פערגניגען אין לעבען. קיינער, אויסער דיך, האט קיין רעכט ניט אויף מיין אייגענס; לכל הפחות...

צו מיין ערשטוינונג איז זי ביי די ווארטער געווארען פערווירט אונ אונבעשלאססען.

— יע, קיינער, אויסער דיך, וועט ניט זיין מיין יורש אונ דו, טראט, ביזט

מיין

מיין אייניציגער זוהן. האב נור ליעב מיך, אלטע, און גיב נאך איהרע קאפריזען און שגעונות. אין מיינע יונגע יארען האב איך קיין גליק ניט געהאט און מיין יוגענד איז אריבער ניט אין פרייז. בערוהיגענדיג מיך אויף די עלטערע יארען, גלויב, טראט, טהוסטו פיעל מער פאר דער שוואכע אלטע, אלס זי קאנן טהון פאר דיר.

דאס ערשטע מאל האט די באבע פאר מיר דערמאנט איהר פערנאנגענעם לעבען. איהר אפפענהערציגקייט האט מיך אין גאנצען פערנאנדער געשרויפט און איך וואלט איהר געוויס נאך מער געשאצט, ווען איך וואלט צו איהר פריהר ניט געפיהלט א גרענצענלאזע ליעבע און שאצונג.

— איצט האבען מיר זיך ערקלעהרט, טראט, און דעריבער איז איבריג נאך צו ריידען וועגען דעם, האט מיסס בעטסי געזאגט. — גיב מיר א קוש, פריינד, מארגען גייען מיר אין דער דאקטארשע געמיינדע.

נור מיר זיינען נאך לאנג געזעססען ביים קאמין און געשמועסט. מיין צימער איז געווען אין דעם זעלבען עטאש און ער איז אויסגעקומען אין שכנות מיט דער באבעס. ביי נאכט האט זי זיך אפט געקלאפט צו מיר אין טהיר און געפרעגט, אויב איך הער ניט ווי די פאשזארניקעס פאהרען. די דראנסקעס און וואגען, וואס האבען געקלאפט איבער'ן ברוק, האבען איהר בעאונרוהיגט. נור אויף'ן פריהמארגען איז זי שטיל געווארען און איך בין רוהיג איינגעשלאפען.

עלף א זייגער זיינען מיר אוועק אין קאנטאר צו ספענלא און דשזארקינס, וועלכע האבען געדיענט אין דער דאקטארשע געמיינדע. זי האט מיר געגעבען איהר טייסטער, איך זאלל עס האלטען ביי זיך, ווייל זי האט געהאט א מיינונג איבער די גרויס שטאדטישע איינוואהנער, אז אללע פוסגייער אויף דער גאס זיינען גנבים. אין טייסטערל איז געווען צעהן גיניען און עטליכע קליינע מטבעות.

אויף'ן וועג האבען מיר זיך פערגניגט, קוקענדיג אויף די וויסטאוקעס אין די פענסטער פון די גרויסע מאגאזינען, נור פלוצים האט די באבע אנגעהייבען גיין מיט שנעללע טריט און דאס געזיכט האט זיך איהר אויסגעצייגען אין דער לאנג. ס'איז קאנטיג געווען, אז זי האט זיך דערשראקען. איך האב בעמערקט, אז ארום איהר האט זיך געדרייהט א מאנספערזאן, עטוואס גארבוג, ארים געקליידט און אויסגעזעהן האט ער ניט פון די שאנע לייט. פריהר האט ער זיך צו אונז צוגעקוקט און איצט האט ער דער באבען בעריהרט פאר'ן אכסעל.

— טראט, ליעבער טראט! האט די באבע אויסגעשריען דערשראקען. — איך וויים ניט וואס צו טהון.

— נישקשה, באבינקע, בעאונרוהיגט זיך ניט. גייט אריין דא אין מאגאזין: איך וועלל זיך שוין מיט דעם העלד ראספראווען.

— אח, ניין, קינד מיינס, רייד מיט איהם ניט! איך בעט דיר. איך בעפעהל דיר ניט צו ריידען!

– וואס איז מיט אייך, באבינקע? איר זעהט דאך אז דאס איז א-נ-עזותניק א שלעפער. ערלויבט מיר, איך וועלל איהם אבטרייבען.

– דו ווייסט ניט, ווער ער איז! האט די באבע געאנטפערט. – דו ווייסט ניט, וואס ער איז! דו ווייסט ניט, וואס דו רעדסט!

ביי דעם אנפאנג פון דער סצענע האבען מיר זיך אבגעשטעלט ביי א טהויער. דער אונבעקאנטער האט זיך אויך אבגעשטעלט.

– קוק ניט אויף איהם, טראט! האט די באבע געזאגט, ווען איך האב מיט צארען אבגעקעהרט דעם קאפ אין זיין זייט. דינג מיר א קארעטע, מיין ליעבער, אונ ווארט דא אב אויף מיר.

– ווארטען אויף אייך, באבינקע?

– יע. איך דארף אלליין פאהרען. איך דארף פאהרען מיט איהם.

– מיט איהם, באבינקע? מיט דעם שלעפער?

– שווייג, טראט, איך בין ביי'ם זינן. איך ווייס, וואס איך טהו. דינג מיר א קארעטע.

זייענדיג ערשטוינט אויף דער האכסטער שטופע, האב איך דאך קלאהר פערשטאנען, אז איך האב קיינע רעכט ניט פאלגען דער באבען, איך האב גערופען א איזוואשציק אונ ווי נור די קארעטע איז צוגעפארען, האט זיך די באבע אין איהר פלינק אריין געהאפט אונ גלייך נאך איהר – דער אונבעקאנטער. מיט דער האנד האט זי א צייכען געגעבען, איך זאלל אבטרעטען אן א זייט אונ איך האב איהר געמוזט פאלגען. דערנאך האט זי ארויסגעשטעללט דעם קאפ פון פענסטער אונ געהייסען דעם קוטשער פאהרען.

– וואו הין?

– וואו דו ווילסט!

אונ די קארעטע איז גלייך אוועק געפאהרען.

איצט זייען מיר דאס ערשטע מאל ארויף אויף'ן געדאנק מ-ר דיקק'ס ווארטער וועגען דעם, וואס ער האט מיר א מאל דערצעהלט אונ וואס איך האב ביז איצט גערעכענט פאר זיינע א פאנטאזיע. איך האב ניט געצווייפעלט, אז דער געהיימער אונבעקאנטער אונ דער פאנטאסטישער טרוגבילד, וואס מ-ר דיקק האט געזעהן-איז איין פערזאן; נור וואס פאר א שייכות האט די פערזאן מיט מיסס בעטסי איז פאר מיר געוועזען א רעטענים, ביז א שעה האב איך געווארט איידער די קארעטע האט זיך אומגעקעהרט צוריק. דער קוטשער האט זיך אבגעשטעלט נעבען מיר. אין דער קארעטע איז געזעססען די באבע אלליין.

זי איז געוועזען האכסט אויפגערעגט אונ זי האט פערשטאנען, אז אין אזא צושטאנד איז שווער צו מאכען וויזיטען, איך האב זיך אריין געזעצט צו איהר אין קארעטע.

– הייס דעם קוטשער ער זאלל א ווייל‍ע ארום פאהרען הין אונ צוריק.

אז איך האב ערפיללט איהר פערלאנג, האט זי ארוים געלאזט א טיעפען קרעכץ אונ געזאגט:

– ליעבע קינד מיינס, זיי קיין מאל ניט נייגיעריג צו וויססען, וואס דאס איז אזוינס. קיין מאל פרעג מיר ניט דאריבער.

מער האב איך פון איהר ניט געהערט. ביסלעכווייס האט זי זיך בערוהיגט אונ ענדליך געזאגט, אז מיר קאננען שוין ארוים פון קארעטע. איך האב ביי איהר גענוממען דעם טייסטער בעצאהלען דעם איזוואשציק, פון די גילדען איז קיין זכר ניט געבליבען, ס'האבען זיך נור אבגעשטעלט די קליינע מטבעות.

ווי נור מיר זיינען אריין אין טהויער פון דער דאקטארשע געמיינדע, איז דער גערויש פון גאס מיט אמאל שטילל געווארען. מיר האבען געדארפט איבער־גיין עטליכע הויפען, איידער מיר זיינען געקוממען צום קאנטאר פון ספענלא אונ דזשארקינס, אין קאנטאר זיינען געזעססען ביי א דריי–פיער קלארקען *) אונ האבען געשריבען. איינער פון זיי, א קליינער אונ א דארער אין א פאריק, איז געזעססען ביי א בעזונדער טישעל. ער האט זיך אויפגעהויבען קעגען דער באבען אונ אריין געפיהרט אונז צו מ–ר ספענלא אין צימער.

– מ–ר ספענלא איז אין סוד, מאדאם, האט ער געזאגט. נור דאס איז ניט ווייט פון דאנען. איך שיק גלייך נאך איהם.

איידער מען איז געגאנגען רופען מ–ר ספענלא, האב איך דערווייל בעטראכט זיין קאבינעט אין די אלטמאדישע אונ פערפוליעטע מעבעל איז ניט געווען קיינע בעזאנדערעס. דער שרייב טיש איז געווען בעדעקט מיט א גרינען פריז (אזא מין מאטעריע), וועלכער האט שוין געהאט פערלארען זיין ערשטען קאליר אונ האט אויסגעזעהן, ווי א–ג–אלטער, בלייכער אונ אויסגעדארטער אָרימאן. אויף'ן טיש אונ די פאליצעס זיינען געלעגען פאק פאפירען מיט אלערליי אויפשריפטען, וועלכע זיינען פאר מיר דאמאלס געוועזן אונדייטליך, ווי, למשל: „פאקאזאניעס“, „אטשנע סטאוויקעס „אטנאשעניעס“, „ספראוויקעס“ אונ ז. וו. זעהענדיג פון די פאפירען, וואס פאר א פערשיעדענע משפטים קוממען דא פאר, האב איך מיט זיך געטראכט, וואס פאר א וויכטיגע זאך איז די יורידישע פראפעסיע, פיעל סודען געפינען זיך דא אונ וואס פאר א קאפ מען דארף האבען, אויפגעדיינקען דעם גאנצען ארדנונג פון די משפטים. אויסער די פאפירען זיינען דא געווען דיקע, זייער דיקע געשריבענע ביכער אין שטארקע בינד. דא זיינען געווען בעשריבען פראצעססען, וואס האבען זיך געצויגען, אפשר צעהנדליגע יארען. דאס אלס האט מיר געבראכט אויף'ן רעיון, אז זיין א פראקטאר אין דאקטארשע געמיינדע איז א וואוילע זאך. באלד האט זיך די טהיר געעפענט אונ אויף'ן שוועל האט זיך בעוויזען מ–ר ספענלא אין

*) קליינע טשינאווניקעס.

ח״ד

אין אַ שוואַרצען ריכטער-מאַנטעל, אונטער געשלאָגען מיט ווייסע פוטער. ער האָט אַרונטערגענומען די הוט און בעגריסט אונז.

ער איז געווען אַ נידריגער, בלאָנדער דשענטלמען, מיט געגלאַנצטע שטיפעל, מיט אַ הויכען קראַגען און געקראָכמאַלטען האַלזטוך. פערשפּיליעט איז ער געווען אויף אַללע קנאָפּלאַך. דער טואַלעט זויבער און ריין. די באַקענבאָרד זיינען געווען אויסגעגלאָט מיט גרויס סטאַראַניע און ס'האָט געשיינט, אַז ער שטאָלצירט מיט דעם, מער ווי מיט אַלס. איך האָב איהם חושד געווען, אַז ער טראָגט אַ קאָרסעט, ווייל געהאַלטען האָט ער זיך פערפענדיקולאַר און האָט זאָגאַר מיט שוועריגקייטען געקאָנט אַ שאָקעל טהון מיט'ן קאָפּ. אַז ער האָט גענדאַרפט איבערקוקען אַ פּאַפּיר אויפ'ן טיש, האָט ער זיך געמוטשט דרייהען מיט'ן גאַנצען קאָרפּער.

די באָבע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר איהם גלייך ביי זיין אַריין קומען. ער האָט נור אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. איצט האָט ער זיך צו מיר געווענדט:

— נו, מ-ר קאָפּפערפילד, איר ווילט אַריין טרעטען אין אונזער פּראָפעסיע. אַזוי, סער?

איך האָב זיך פערנייגט.

— מיך פרייהט עס זייער, מיך פרייהט עס זייער. איך האָף, אַז איר וועט ניט חרטה האָבען, וואָס איר קלייבט אויס אַזאַ אַרבייט, האָט מ-ר ספּענלאָ געזאָגט, אָנבייגענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קאָרפּער. — ניט לאַנג, ווען מיסס טראָטוואָד האָט מיך בעעהרט מיט איהר וויזיט, האָב איך איהר צופעלליגער ווייזע (במקרה) דערצעהלט, אַז ביי אונז עפענט זיך אַ וואַקאַנסיע. מיסס טראָטוואָד האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זי האָט אַ אייניקעל — איהר איינציגער זאָרג אין לעבען — אַ שאָנער יונגער מאַן, וואָס האָט ניט לאַנג געענדיגט דעם קורס אין אינסטיטוט. איצט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָב איך די עהרע צו ריידען מיט דעם ווירדיגען קרוב פון מיסס טראָטוואָד.

איך האָב זיך פערנייגט און געזאָגט, אַז איך האָב געהאַט די עהרע ריידען וועגען דעם מיט דער באָבען און האָב צוגעגעבען, אַז איך האָף דאָס די אַרבייט אין דער דאָקטאָרשע געמיינדע וועט מיר געפאַללען ווערען; אַז איך האָב גלייך איינגעוויליגט אויף דער באָבעס פּלאַן און בין גרייט ליעב קריגען די אַרבייט, ווי ווייט נור ס'וועט זיך ווענדען אָן מיר; נור לעת עתה קאָנן איך נאָך גאָר ניט צוזאָגען, כל זמן איך האָב זיך ניט בעקאַנט מיט דער אַרבייט, און אַז אַללענפאַללס שאַדט ניט אויספּרובען מיך, אויב איך בין פעהיג צו דער אַרבייט, בעפאָר מען האָט מיך פערעכענט פאַר אַ גליעד אין דער געעהרטע דאָקטאָרשע געמיינדע.

— אָ, געוויס! האָט מ-ר ספּענלאָ געאַנטפערט. צום פּרובען ניט מען ביי אונז אַ חדש צייט. איך וואָלט אייך מיט פערגניגען געגעבען צוויי, דריי, פיער,

זאנאר מער, פיעל איר ווילט; נור איך האב א קאמפאניאן – מ–ר דשוארקינס.

– פאר׳ן אריין טרעטען פאדערט איר, דוכט זיך, טוויזענד פונט?

– יע, טויזענד פונט איז שוין מיט אללע הוצאות, האט מ–ר ספענלא געאנטפערט. – איך האב שוין געהאט די עהרע ערקלעהרען מיסס טראטוויד, אז אין אזעלכע ווי אויך אין אנדערע פאללע זוך איך ניט קיין קאריסטנעם ציעל – אזעלכע שונאי בצע (בעזקאריסטע) ווי איך בין, איז זייער ווינציג – איר קאנט מיר אין דעם גלויבען; נור איך האב א קאמפאניאן מ–ר דשוארקינס, און דער מ–ר דשוארקינס האט זיך זיין אייגענעם רעכנונג. איר פערשטייט, אז איך מוז שעצען מ–ר דשוארקינס מיינונג; און ער געפינט, אז טויזענד פונט איז זייער א קליינע פרעמיע.

– ערלויבט מיר, סער, פרעגען, האב איך געזאגט, פערלאנגענדיג מיט וואס ס׳איז פערדעקען דער באכעם הוצאות, – איך דיינק, אז ביי אייך אין קאנטאר איז א מנהג, אז ווען עס אקאשועט זיך, דאס דער פריווילעגירטער קלערק *) איז פייהיג צו זיין ארבייט און ניט נוטע האפנונגען ברייננען מיט דער צייט א נוטץ דער דאקטארשע געמיינדע (איך בין רויט געווארען, חאפענדיג זיך, אז פון די ווארטער גיט זיך אב מיט גאוה): – דיינק איך, סער, אז אזא קלערק... מיט דער צייט... נעמט ביי אייך... געהאלט...

נור מ–ר ספענלא האט מיר ניט געלאזט אויסריידען דאס ווארט „שכירות“ ער האט מיט שווערינקייטען אויפגעהויבען דעם קאפ פון אונטער דעם אנגעקראכ=מאלטען האלזטוך, א גייג געטאן און געזאגט:

– ניין. איך קאנן ניט זאגען, מ–ר קאפפערפילד, ווי וואלט איך זיך בעגיין אין אזעלכע פאללע; נור, איר ווייסט דאך, איך האב א קאמפאניאן מ–ר דשוארקינס, און דער מ–ר דשוארקינס לאזט זיך ניט ריידען.

מען קאנן זיך פארשטעללען, וואס פאר א מיינונג איך האב געמאכט וועגען דעם שרעקליכען דשוענטלמען דשוארקינס. שפעטער אבער האט זיך ארויסגעוויזען אז ער איז זייער א שטיללער און בעשיידענער דשענטלמען, מיט א פלעגמאטישען טעמפעראמענט און א מילדען חאראקטער. קיין בעזאנדערע בעשעפטיגונג אין קאנטאר האט מ–ר דשוארקינס ניט געהאט. זיין פפליכט איז געוועזן שטיין אן א זייט און דיענען דער פירמע פאר א אידעאל פון א אכזר מיט א שטיינערנע הארץ אז א קלערק האט געבעטען א הוספה, האט מ–ר דשוארקינס גאר ניט געוואלט הערען פון דעם, אז א קליענט האט ניט געוואלט איינצאהלען סודעבנער אידערזקעם, האט מ–ר דשוארקינס געסטראשעט מיט טורמע. וואס זאלל מען טהון? מ–ר ספענלא האט פשוט דאס הארץ געבראכען פון רחמנות, נור מ–ר דשוארקינס איז הארט ווי גראניט. מ–ר ספענלא וואלט גערען געטאן יעדעם

*) פריווילעגירטער קלערק איז די האכסטע מדרגה צווישען קלערקען.

איינציגען אלס, וואס מען בעט ביי איהם; נור דער שלעכטער דשזארקינס שטייט איהם ווי א שטיין אין וועג. ס'איז זעלבסט פערשטאנדליך, אז דער ביישפיעל איז ניט דער איינציגער אויף'ן לעבענסוועג: דער מין פהילאזאפהי גילט זייער אייף דער וועלט, שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז פיעל קאנטארען בליהען אונ מאכען גוטע געשעפטען בלויז צו ליעב דעם, וואס זיי זיינען געגרינדעט אויף דעם עקאנאמישען פרינציפ פון ספענלא אונ דשזארקינס.

ביי אונז איז געבליבען, אז דער מאנאט צור פראבע קאן זיך אנהויבען, ווען איך וועלל וועללען, אונ אז די באבע ברויכט ניט צו זיצען דעם מאנאט אין לאנדאן; ביים ענדיגען וועט מען איהר צושיקען די פאפירען צום אונטערשרייבען. ווען מיר האבען געהאט וועגען אללע אופנים איבער גערעדט פאדראבנע, האט זיך מ–ר ספענלא ארויסגערופען בעוויזען מיר אללע זאלען פון דער דאקטארשע געמיינדע, כדי בעצייטענס עטוואס בעקאנט מאכען מיר מיט איהרע ארדנונגען, איך האב איהם דער פאר בעדאנקט אונ מיר זיינען ביידע ארויס, איבערלאזענדיג די באבען אלליין אין קאבינעט, ווייל זי האט בשום אופן ניט געוואלט גיין מיט אונז. מיסס בעטסי האט געהאט א גרויס חשד אויף אללע געריכטס–ארטער (פריסוטסטוועס) אונ האט זיי גערעכענט פאר א מין פולווער–זאוואדען, וואס ביי דער מינסטער אונ־פארזיכטיגקייט קאנגען זיי אויפרייסען.

מיר זיינען ארויס אויף א ברייטען הויף, וועלכער איז געוועזען פון אללע זייטען פער־שטעללט מיט גרויסע געביידעס. אין די געביידעס איז געוועזען זייער פיעל טהירען, אונ אויף יעדער טהיר איז געוועזען אויסגעקריצט א נאמען פון א דאקטאר. איך האב פער־שטאנען, אז דאס זיינען די ספעציאל קאנטארען פון די אדוואקאטען, וועגען וועלכע סטירפארס האט מיט מיר גערעדט. ליגקס האט זיך געזעהן א גרויסער, פינסטערער זאל אונ אהער זיינען מיר אריין. דער אויבערשטער טהייל פון דעם צימער איז געוועזען אבגעצאמט פון די איבריגע אונ דא זיינען געזעססען פיינע, פארנעמע לייט אין רויטע מאנטלען אונ שווע פאריקעס. דאס זיינען געוועזען אדוואקאטען. אין מיטט'ן, מיט'ם געזיכט צום פובליקום איז געזעססען א גרייז–גראהער מאן אונ געדרעממעלט; ווען איך זאלל איהם האבען זעהן אויף א פויגעל–הויף, וואלט איך איהם ניט אנדערש אנגענוממען פאר א סאווע, נור ער איז געוועזען דער פרעזידענט פון דער געמיינדע. נידריגער זיינען געזעססען פאר א לאנגען טיש אנדערע דשזענטלמענעש פון זעלבען ראנג (טשין), וואס מ–ר ספענלא. זיי זיינען אללע, אזוי ווי ער, געזעססען אין שווארצע מאנטלען אונ שטייף געקראכמאלטע האלזטיכער. ביים ערשטען בליק האבען זיי מיר אויסגעוויזען פאר גרויסע בעלי גאוה'ס נור באלד האט זיך אויסגעלאזט, אז איך האב א גרויסען טעות. ווען איינינע פון זיי האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער אנטפערען דעם אלטסטען אויף זיינע א פראגע, האב איך אויף זייערע געזיכטער געזעהן די זעלבע צושראקענע

אונ

און זאַנפּטע מינע, וואָס ביי באַראָנעס. אין זאַל איז געווען שטיל, ווי אין אַ קבר. נור די שטילקייט האָט זיך איבער געריסען פון איין דאָקטאָרס קול, וואָס האָט לאַנגזאַם געהאַלטען אַ רעדע. מיט איין וואָרט: אין מיין גאַנץ לעבען האָב איך נאָך ניט געזעהן נאָך. אַזאַ צוקראַכענע, שלאָפינע געזעלשאַפט ווי די דשענטלמענעס מיט באַראָנישע קאָפּ. געהערען צו זייער געזעלשאַפט האָט נאָך מיין מיינונג געהייסען אָנטרינקען זיך מיט אָפּיום, כדי צו שטילען די הייסע געפיהלען.

זיינענדיג אָנגעזאַנפּט ביז איבער גענוג מיט דער שלאָפיגע אַטמאָספערע (לופט) פון דעם הויז, האָב איך געזאָגט צו מ-ר ספּענגלאַ, אַז אויף דאָס ערשטע מאָל וועט פאַר מיר זיין גענוג דאָס בעטראַכטען. מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צו דער באָבען און מיר זיינען ביידע גלייך אַרויס פון דאָנען. ביי אונזער אַרויס-גאַנג, האָבען זיך די שרייבער איבער געוואונקען צווישען זיך, אָנווייזענדיג מיט די פּענעס אויף מיר, און דאָס האָט מיר געדיענט פאַר אַ נייען בעווייז, אַז איך בין נאָך זייער יונג.

אויף'ן וועג צום האָטעל האָבען מיר אָנגעגעגנט אַ-נ-אייזעל, איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגען מיט אַפּפּעל, און די בעגעגעניש האָט אויפגעוועקט קריינקליכע געדאַנקען ביי מיסס בעטסי. דעם גאַנצען טאָג האָבען מיר גערעדט וועגען מיין צוקונפט און געבויט לופט-שלעסער. די באָבע איז געווען פריילעך און צופריעדען. צייטענווייז נור פלעגען איהר אַרויף אויף'ן געדאַנק לאָנדאָנער גנבים און שרפות. דאַריבער האָב איך איהר געבעטען, זי זאָל פאַהרען צוריק אין דובער, וואָס גיכער.

— איך וועלל שוין פאַהרען, און דו פערצייהע ליעבער, האָט די באָבע געאַנטפערט. מאָרגען איז אַקוראַט אַ וואָך, ווי איך בין דאָ. נור פריהר דאַרף מען פאַר דיר אָבזוכען אַ וואָהנונג, אָט ניט ווייט פון טעאַטר אַדעלפי גיבען זיך אָב פּאַקאָיעס און דאָרט, דוכט מיר, וועט זיין אַ גוטע דירה פאַר דיר.

ביי די ווערטער האָט זי אַרויס גענומען פון קעשענע אַ מודעה, וואָס זי האָט אָבגעריסען פון אַ גאַזעט און מיר דערלאַנגט. אין מודעה איז געשטאַנגען אַז אויף בוקינהאַמער גאַס געבען טעאַטר אַדעלפי איז פאַראַן צו פערדינגען מעבלירטע פּאַקאָיעס מיט דער פּאַסאַדע צו דער טעמזע פאַר אַ יונגען מענשען וואָס דיענט אין סוד אָדער ער האָט נאָך אַזאַ מין אַרבייט. דער מקח איז ניט טהייער. פרעגען זאָלל מען מ-ס קראָפּ.

— אָ, וואָס דאַרף מען בעסער, באָבינקע? האָב איך געזאָגט, פאַרשטעללענ-דיג זיך שוין דעם פערגניגען וואָהנען ווי אַ דשענטלמען פאַר זיך אין אַ דירה.

מיסס בעטסי האָט אָנגעטאָן די הויבע, פערריכט די שאַל און געזאָגט: קום, טראָט, נאָמיר אַ קוק טהון.

אָבְזוּכֶען דָאס הויז אִיז נִיט גֶעוֶועֶן שְׁוֶוער. מִיר הָאבֶּען אָנְגֶעקְלוּנְגֶען, נוּר אוֹיף'ן עֶרְשְׁטֶען קְלוּנְג הָאט מֶען נִיט גֶעאֶנְטְפֶערְט. מִיר הָאבֶּען גֶעקְלוּנְגֶען אַ צְוֵוייטֶעס, אַ דְרִיטְטֶעס, אַ פִיעֶרְטֶעס מָאל אוּנ עֶנְדְלִיךְ הָאט זִיךְ דִי טְהִיר גֶעאֶפִינְט. אוּנְז אַנְטְקֶעגֶען אִיז אַרוֹיס אַ דִיקֶע לֶעדִי אִין אַ קוּרְצֶען נַאנְקֶענֶעם־קָאפָּאט, פוּן אוּנְטֶער וֶועלְכֶען ס'הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעזֶעהֶן דֶער לַייסְט פוּן אַ פְלַאנֶעלֶענֶע קְלַיידֶעל.

— מֶען קָאן דָא בֶּעקוּקֶען דִי צִימְמֶערֶען, וָואס פֶערְדִינְגֶען זִיךְ דָא? הָאט דִי בָּאבֶּע גֶעפְרֶאגְט.

— מִיט פֶערְגְנִיגֶען, מַאדַאם, הָאט מ—ס קְרָאפּ גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַ טַאפּ טְהוּעֶנְדִיג דִי שְׁלִיסְלֶען אִין קֶעשֶׁענֶע. —אִיר זוּכְט גֶעוִויסס אַ דִירָה פַאר דֶעם דְשְׁוֶענְטֶלְמֶען?

— יֶע, דָאס אִיז מַיין אֵיינִיקֶעל.

— אַ שֶׁאנֶער יוּנְגֶער מַאן. אוּנ אַ דִירָה וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבֶּען אַ פְרַאכְטְפָאללֶע, מַאדַאם.

מִיר זַיינֶען אַרוֹיף אִין דֶער הוֹיף.

דִי דִירָה אִיז גֶעוֶועֶן אִין דֶער הוֹיף אוּנְטֶער'ן דַאךְ, צוּ אַ שְׂרֵפָה בֶּעדַייט עֶס זֵייעֶר פִיעל. דִי דִירָה אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען פוּן אַ דוּנְקֶעלֶען פָאדֶערצִימְמֶער, פוּן אַ פִינְסְטֶער'ן טְשׁוּלַאן, אַ לִיכְטִיגֶען גַאסְט–צִימְמֶער אוּנ אַ לִיכְטִיגֶען שְׁלָאף–צִימְמֶער. דִי מֶעבֶּעל אִיז גֶעוֶועֶן, גֶענִיצְטֶע נוּר פָאקָאינֶע. פֶערְבַּיי דִי פֶענְסְטֶער אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען דִי טֶעמְזֶע, דָאס אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶם.

אִיךְ בִּין גֶעוֶועֶן אוֹיף'ן זִיבֶּענְטֶען הִימְמֶעל פַאר פְרֵייד. דִי בָּאבֶּע אוּנ מ—ס קְרָאפּ זַיינֶען אַרַיין אִין טְשׁוּלַאן רֵיידֶען וֶועגֶען דֶער דִירָה. אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבֶּען אִין גַאסְט–צִימְמֶער אוּנ פַאנְטַאזִירְט וֶועגֶען גְלִיק הָאבֶּען אַזַא וָואהְנוּנְג, זַיי הָאבֶּען זִיךְ דָארְט גֶעסְפָארֶעט, גַארְיַאטְשֶׁעט, נוּר עֶנְדְלִיךְ, וֶוען זֵיי זַיינֶען אַרַיין צוּרִיק אִין גַאסְט–צִימְמֶער הָאבּ אִיךְ בַּיי דֶער בָּאבֶּען אִין דִי אוֹיגֶען אִיבֶּערְגֶעלֶעזְט, אַז זֵיי זַיינֶען דוּרְךְ גֶעקוּמְמֶען.

— דִי מֶעבֶּעל הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט, גֶעוִויס, פוּן אַייעֶר לֶעצְטֶען שָׁכֵן? הָאט דִי בָּאבֶּע גֶעפְרֶאגְט.

— יֶע, מַאדַאם.

— וואוּ אִיז עֶר אִיצְט?

מִיסס קְרָאפּ הָאט זִיךְ פְּלוּצִים צוּהוּסְט אוּנ הָאט נִיט גֶעקָאנְט גְלַייךְ אֶנְטְפֶערֶען.

— עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען, מַאדַאם, אוּנ, קְהוּ! קְהוּ! — עֶר — קְהוּ! קְהוּ! עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

— הֶע! פוּן וָואס אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען? הָאט דִי בָּאבֶּע גֶעפְרֶאגְט.

— קְהוּ! קְהוּ! פוּן... שִׁכְּרוּת, מַאדַאם, אוּנ — קְהוּ! קְהוּ! פוּן רוֹיךְ, מַאדַאם.

— וָואס הֵייסְט פוּן רוֹיךְ? פוּן טְשַׁאד, מֵיינְט אִיר?

— נֵיין, מַאדַאם, פוּן טַאבַּאק–רוֹיךְ. עֶר הָאט גֶערוֹיכֶערְט אַלֶע פַּאסְקוּדְסְטְוָוא אִי לִיוּלְקֶעס אִי סִיגַארֶען.

– אט ווי ניט גוט דאס איז. טראט... פערשטייהסט? האט די באבע געזאגט צו מיר.

– זייער ניט גוט, באבע. איך פערשטייה.

מיר האבען געדונגען די דירה דערוויי־ל אויף א חדש, נור אויסגערעדט האבען מיר, אויב זי וועט מיר געפאללען ווערען, קאן איך פערבלייבען אויף ווייטער. מ—ס קראפ האט זיך אונטער געגומען פערזארגען מיר מיט עססען. דאביי האט מ—ס קראפ צוגעזאגט דער באבען, אז זי וועט פאר מיר זארגען ווי פאר איהר אייגען קינד. אויף מארגען האב איך זיך געדארפט איבער ציהען אויף מיין נייע דירה.

– צוריקגייענדיג האט מיר די באבע געמוסרט, אז איך זאלל זיך זעהן אויפפיהרען גוט אויף מיין נייען וועג פון לעבען. איבערהויפט זאלל איך האבען א שטייפען גייסט און זיין ענטשלאססען. אויף מארגען האבען מיר געהאלטען א עצה, ווי איבער צו ליוערען די קליידער און ביכער, וואס איך האב איבער געלאזט ביי מ—ר וויקפילד, אהער און דערוויל האב איך אנגעשריבען א לאנגען בריעף צו אגנעסען, און די באבע האט זיך אונטער גענומען איבער געבען דעם בריעף אייגענהאנדיג.

סטירפארס האט זיך די גאנצע צייט ניט געוויזען. די באבע האט מיר פערזארגט מיט אללע נויטהיגע זאכען און זי האט זיך ענדליך מיט שוואנעטען, זייענדיג אויפגעפלאמט מיט נקמה צו די נארישע אייזלען, אויסגעקליבען צום דובערשען דילישזאנס און זיינען אוועק געפאהרען בשלום.

נאך'ן בעגלייטען האב איך זיך אומגעקעהרט צום טעאטר אדעלפי און לאנג געקאלעוועט ארום די אונטעראירדישע געוואלבען פון דער געביידע, פאנטאזירענדיג וועגען די אונגליקליכע צייטען פון מיינע קינדישע יארען. דאמאלס האב איך אויך ליעב געהאט קוקען אויף די פינסטערע געוואלבען, נור דאמאלס בין איך געווען א נע־ווענדניק און איצט בין איך א פריווילעגירטער קלערק און האב א דירה ביי מ—ס קראפ.

III.

מיינע ערשטע טריט אויפן לעבענסוועג.

בכן האב איך א־נ־אייגענעם שלאס אונטער די וואלקען: וואס פאר א פערגעניגען, וואס פאר א שמחה! פערמאכענדיג דאס ערשטע מאל הינטער זיך די דרויסיגע טהיר פון מיין רעזידענץ, האב איך געפיהלט דאס זעלבע, וואס ראבינזאן קרוזא, ווען ער איז אריין אין זיין קרעפאסט און ארויפגענוממען צו זיך דעם לייטער. ווי אנגענעהם איז שפאצירען איבער דער שטאדט מיט'ן שליססעל

פון וואהנונג אין קעשענע, שפאצירען וואו, ווען אונ פיעל דו ווילסט, שפאצירען אונ וויססען, אז דו קאנסט צו זיך פעררופען ווען דו ווילסט אונ קיינעם אויסער זיך ניט שטערען מיט דעם! דו גייסט זיך ארוים פון שטוב אונ דארפסט קיינעם קיין חשבון ניט אב געבען, וואו אונ נאך וואס גייסטו. וואס קאנן נאך זיין א גראססערער פערגניגען, ווי קלינגען אין גלאקעל, פיעל דאס הארץ געלוסט, כדי ארויסרופען פון אונטער דער ערד מ—ם קראפ, וועלכע קומט ארוים א פערמאטערטע אפענען אייך די טהיר, אויב זי האט נור חשק דערצו. פראכטפאלל! דאך, דארף איך זיך מודה זיין, אז צייטענווייס איז מיר געוועו אומעדיג אונ טרויריג.

פרייהליך איז מיר געוועו אויף'ן פריהמארגען. דער זונן-שטראהל האט, ווי מיר האט געשיינט, פערנאנדערגעגאססען א פרישען נייען לעבען אויף דער גאנצע נאטור אונ נאך פרישער איז דאס לעבען געוועו אבענדצייט פאר זונן-אונטערגאנג. נור ווי דער טאג פלעגט אויסגעלאשען ווערען, פלעגט צוזאממען מיט די לעצטע שטראהלען אב שטארבען דאס לעבען. די שטארען פלעגען זיך אראב לאזען, אויף'ן טיש האט מען געשטעללט ליכט אונ אליין ניט צו וויססען פאר וואס פלעגט מיר ווערען שווער אויף'ן הארצען. איך האב ניט געהאט מיט וועמען אוים ריידען א ווארט. איך האב ניט געהאט אנגעסען געבען זיך מיין ליעבע צארטליכע שוועסטער, וועלכע איך פלעג פערטרויען אללע מיינע געדאנקען אונ געפיהלען, איז געוועו ווייט פון מיר. דאס הארץ פלעגט מיר פערפרעססען אונ איך האב געפיהלט א פוסטקייט ארום זיך. מיט וועמען פערטרייבט מען די אומעדיגע צייט. מ—ם קראפ וואהנט אין דער נידער, הייגט וועגען וואס וועלל איך מיט איהר ריידען? פון ניט האבען וואס צו טהון, הויב איך אן טראכטען וועגען פריהרדיגען שכן וואס האט דא געוואהנט אונ איז געשטארבען פון שכרות אונ רויך. פאר וואס איז ער געשטארבען? האוואלט ער בעססער לעבען אונ האבען הנאה פון דער וועלט אונ מיך ניט מוטשען מיט געדאנקען וועגען זיין טוידט.

אין צוויי מעת-לעת ארום האט מיר שוין געדוכט איך אז לעב שוין אין מיין איינזאמע דירה יארען לאנג. אונ דאך בין איך ניט אלטער געווארען אפילו אויף איין שעה. ביז ווי לאנג וועט מען מיך נאך רעכענען פאר א מאלאקאסאם? אח, ווי פערדריסליך דאס איז!

סטירפארם איז ווי אין דער ערד אריין. אפשר איז ער קראנק? געוויס אויף'ן דריטטען טאג בין איך אראב געפאהרען צו איהם אין דערהיים. מ—ם סטירפארם פרייהט זיך מיט מיין קוממען. זי האט מיר דערצאהלט, אז איהר זוהן איז מיט א חבר אוועק געפאהרען בעזוכען נאך א חבר. מארגען דארף ער קוממען צוריק. מיר איז דאס פערדראסליך. איך ליעב זייער סטירפארס'ן אונ אייפער (רעוונעווע) איהם צו אללע זיינע חברים.

מ—ם ח"ד

מ–ס סטירפארס האט מיך געבעטען צום מיטטאג. איך בין פערבליבען. דעם גאנצען טאג האבען מיר נור גערעדט וועגען איהר זוהן. איך האב דערצעהלט, ווי אללע האבען איהם ליעב געקראגען אין יארמאאוז אונ וואס פאר א שם ער האט געקראגען דארט צווישען די שיפפער. מיסס דארטל האט זיך גוט צו געהערט צו יעדען ווארט אונ אלס געפרעגט: „ריכטיג? טאקע אזוי? אח, זאגט איך בעט אייך“! מיט די פראגעס האט זי ביי מיר ארויס געצויגען אלס, וואס זי האט געדארפט וויססען. איהרע מינעס אונ מאנערען זיינען געווען די זעלבע, וואס איך האב אין איהר בעמערקט דאס ערשטע מאל; דאך האבען די ביידע לעדים געמאכט אויף מיר א גוטען איינדרוק אונ איך האב זאגאר געפיהלט, אז איך בין עטוואס פערליעבט אין מיסס דארטל.

אויף מארגען, פאר'ן אוועק גיין אין געמיינדע, ווען מ–ס קראפ האט מיר אריין געטראגען קאווע מיט א זעממעל, האט זיך די טהיר פון מיין צימער פלוצים געעפענט אונ צו מיין גרויס פרייד האב איך דערזעהן סטירפארס'ן.

– ליעבער סטירפארס! האב איך אויסגעשריען. – דו ביסט עס? אונ איך האב שוין געמיינט, אז איך וועלל דיך שוין קיין מאל ניט זעהן.

– וואס האב איך געזאלט טהון, ברודער? האט סטירפארס געאנטפערט. – אויף'ן צווייטען טאג נאך מיין קוממען אהיים, האט מען מיך כמעט ווי מיט געוואלד אוועק געפיהרט. נו, דעזי, איך גראטוליר; דו ביזט איצט א–ב–אלטער בחור מיט אללע פיטשיווקעס. וויז מיר דיין מלוכה.

זיינענדיג דורך געדרונגען מיט א פערבעהאלטענעס שטאלץ אונ א געפיהל וואס איך בין ניט אבהאנגיג אן קיינעם, האב איך איהם בעוויזען אללע מיינע צימערען, אפילו דעם פינסטערען טשולאן. סטירפארס'ן זיינען זיי געפאללען געווארען.

– דו ווייסט, מיין פריינד, האט סטירפארס געזאגט. מיין דירה וועט זיין ביי דיר יעדעס מאל, ווען איך וועלל קוממען אין לאנדאן. איך וועלל ביי דיר וואהנען, ביז דו וועסט מיך ארויס טרייבען.

איך בין דער פון געווען מלא שמחה. איך האב געאנטפערט, אז איך וועלל איהם ארויסטרייבען ניט פריהר, איידער די וועלט וועט חרוב ווערען, אויב ער וועט נור ווארטען ביז יענע צייט.

– דאך דארף מען דערוויילע ניט פערגעססען אן פריהשטאג, האב איך געזאגט, אננעמענדיג דאס גלאקיל. מ–ס קראפ וועט אונז אויפקאכען א פרישע גלאז קאווע אונ איך וועלל דיר מכבד זיין מיט ווארשט.

– ניין, ניין! האט סטירפארס געאנטפערט. בעמיה זיך ניט אומזיסט. היינט פריהשטאג איך מיט א חבר אין קאווענט–גארדען, אין פיאצצא–האטעל.

– זייער גוט. לכל הפחות מיטטאג ביי מיר?

– איך קאנן ניט, דעזי, עהרען ווארט. איך וואלט זייער וועללען קוממען צו דיר, נור איך וועלל מוזען פערבלייבען מיט מיינע צוויי חברים. מארגען פריה פאהרען מיר אללע דריי אוועק.

– נו, טא ברייננ זיי צו מיר אויף מיטטאג, האב איך געזאגט. ווי רעכענסטו, זיי וועללען איינשטיממען?

– א, אין דעם איז גאר קיין צווייפעל ניטא; נור מיר וועללען דאך דיך בעאונרוהיגען, דעזי. בעסער קום דו צו אונז, אונ מיר וועללען אללע עססען אין האטעל.

נור אין מיר האט זיך צושפיעלט דאס יונגע בלוט אונ מיר האט זיך פלוצים פערגלוסט מאכען א נאוואסעליע (אוהאדשזינגעס) פון דער בריטער האנד ווי עס פאסט פאר א אנשטאנדיגען דשזענטלמען. א צופאלל האט זיך געמאכט אונטער דער האנד אונ דוקא א גוטער צופאלל. אז סטירפארס האט אויף דעם געגעבען זיין הסכמה, האב איך נאך מער שטאלצירט מיט מיינע חברים אונ אין מיר האט געברענט א גרויס תשוקה אויספיינען זיך מיט מיין ווירטשאפט פאר די גאסט. דעם מיטטאג האבען מיר בעשטיממט אויף זעכס א זייגער.

ווי נור סטירפארס איז ארויס געגאנגען, האב איך תיכף ארויף גערופען מ–ס קראפ אונ דערצאהלט איהר מיין פלאן. אויף דעריין האט מיר מ–ס קראפ געאנטפערט, ערשטען קאן זי ניט פאר מיינע גאסט ווייזען זיך אלס דיענסט, אונ אזא זאך קאן איך גאר פון איהר ניט פאדערען. דעריבער האט זי זיך ארויסגערופען אבזוכען פאר מיר אויף דעם טאג א געשיקטען דיענער, וועלכער וועט פאר זיין דיענסט בעטען סך הכל פינף שילינג, סיידען אויב איך אליין וועלל איהם צוזאגען ביער–געלט. איך האב געאנטפערט, אז אזא דיענער איז טאקע נויטהיג אונ איך בין מרוצה געבען איהם פינף שיללינג. צווייטען האט מיר מ–ס קראפ געגעבען צו פערשטיין, אז אין איין צייט אין צוויי ערטער קאנן זי, נאטירליך, ניט זיין אונ דאריבער קוממט שוין ממילא ארויס, אז אין פינסטערען טשולאן, וואו ס'וועט ברענגען א לאמפיל, דארף זיך געפינגען א יונגע מיידעל צום וואשען די געפאס. פערשטייט זיך, אז ספארען וועגען דעם האב איך ניט געקאננט אונ מיר איז נור פערבליבען פראגען, פיעל וועט מען דארפען געבען דעם יונגען מיידעל. מ–ס קראפ האט געאנטפערט, אז וואסער אכטצעהן פענס וועללען מיר ניט ארים מאכען. איך האב געזאגט, אז איך וועלל דערפון טאקע ניט ארים ווערען. אז דאס איז ביי אונז געווען געענדיגט האט מ–ס קראפ געזאגט:

– איצט נאמיר ריידען וועגען מיטטאג.

אונ מיר האבען גענוממען האלטען עצות וועגען מיטטאג. ס'האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז מ–ס קראפ'ס קיך–אויווען, א דאנק דעם טעות וואס די אייווענמאכער האבען געהאט, איז געווען געמאכט אזוי פליאה'דיג, אז אין איהר האט

מען נור געקאנט אויספרעגלען א קאטלעטל און אויפזיעדען א יאיכעל מיט צוריבענע קארטאפלעס.

— און וואס בעלאנגט אן קעססעל צום פיש קיכען, האט מ—ס קראפ געזאגט, האט איר אפשר חשק אליין גיין א קוק טהון, ווי דארט איז אלס איינגעארדענט.

דאס איז געווען געזאגט אם בעסטען. צו וואס, פרעגט זיך, זאלל איך גיין קוקען, ווי די אייזען איז געמאכט ביי מיין בעל הביתטע? פון אזא רעוויזיע וועל איך קליגער ווערען? איך האב זיך דערפון ענטזאגט און געאנטפערט:

— זייער גוט. וועללען מיר זיך בעגיין אהן פיש.

— א, ניין, רעדט עס ניט! האט מ—ס קראפ געאנטפערט; — ביי א גוטען מיטטאג איז פיש א נויטהיגע געריכט. אפשר זאלל איך די פיש קאכען אין דער זעלבער כלי, וואו איך האב פריהר געהאלטען די אוסטריצעס? איר זייט מסכים?

— טהוט ווי איר ווייסט, האב איך געאנטפערט, איבערגעבענדיג זיך אין גאנצען אין דעם רשות פון מיין בעל הביתטע.

דערנאך האט מיר מ—ס קראפ געמאכט א צעטיל פון מיטטאג; דאס ערשטע געריכט: צוויי הייסע געבראטענע היהנער—גענומען ביי א פיראגענבאקער. דאס צווייטע געריכט: א הייסער ביפסטעקס מיט קארטאפעל און חריין — גענומען ביים פיראגענבאקער. דאס דריטטע געריכט: הייסע ניערען מיט פוטטער, דערצו פיער געבלאטערטע פיראגען — גענומען ביים פיראגענבאקער. דאס פיערטע געריכט: א אנגעפיללטער פיראג — גענומען דארטען. דאס פינפטע געריכט: טארט אדער פיער חלקים שזעלע (דיקזאפט) — גענומען ביים פיראגענבאקער.

— און וואס בעלאנגט אן קעז און קארטאפעל, וועלל איך שוין אליין צו גרייטען אויב איך וועלל נור ניט זיין פערנוממען מיט א-נ-אנדער ארבייט.

אז איך האב געהאט געענדיגט אללע הכנות צום מיטטאג, בין איך אוועק אין גאס איינקויפען דעסערט און וויין. אבענדצייט, אז איך בין געקוממען אהיים, האב איך שוין געפונען דעם וויין אויסגעשטעללט אויף דער פאדלאגע אין טשולאן און איך האב זיך דערשראקען, דערזעהענדיג א גאנצען ארסענאל מיט פלאשלאך, נור מ—ס קראפ האט מיר מיט קלעמעניש געאנטפערט, אז ס'פעהלט נאך צוויי פלאשלאך.

ענדליך זיינען געקוממען די גאסט. איינער פון סטירפארס'ס חברים האט געהייסען גריינדשזער; דער צווייטער — מארקהיים.

ביידע פרייהליכע, לעבעדיגע, קאכעדיגע חברה-לייט. גריינדשזער איז געווען עטוואס אלטער פאר סטירפארס'ן; נור מארקהיים האט אויסגעזעהן נאך גאר יונג. אין ריידען האט ער זיך אליין גערופען טאג-מענש.

— דעם טאג-מענש געפאללט דא זייער, מ—ר קאפפערפילד, האט מארקהיים געזאגט, מיינענדיג זיך.

– די דירה איז זייער א גוטע פאר א בחור, האט איך געאנטפערט.

– איך דיינק, מיינע הערען, אז איר האט מיט זיך געבראכט א גוטען אפפעטיט, האט סטירפארס געזאגט.

– די גרויסע שטאדט צום שווארץ יאר שארפען זייער דעם אפפעטיט, האט מארקהיים געאנטפערט. דער טאג-מענש איז כמעט הונגעריג א גאנצען טאג, פון פריה ביז נאכט. זיין גאנצע ארבייט בעשטייט אין עססען.

מען האט געדעקט דעם טיש און דערלאנגט דאס ערשטע געריכט. איך האב מכבד געוועזן סטירפארס'ן, ער זאלל בעל הביתישען ביים טיש. סטירפארס האט זיך געזעצט אויבען-אן, און איך האב זיך געזעצט קעגען איהם. אלס איז אוועק זייער גוט, און וויין האט זיך געגאססען ווי וואססער. סטירפארס האט געבעל-הביתישט ווי מען דארף גאר ניט בעסער, נור איך האב באלד פערלארען די מאגליכקייט זיין א פרייהליכער געזעללשאפטער, ווי מיר האט זיך געלוסט. מיין שטוהל איז געשטאנען פונקט קעגען איבער דער טהיר און מיין בליקק האט נאך געקוקט דעם יונגען, געשיקטען בחור, וועלכער איז צו מיר אריין געטראטען אויף דעם טאג אלס אפפיציאנט (סארוועער). ער פלעגט אללע ווייל ארויס גיין פון צימער און זיין שאטען האט זיך געמאהלט אויף דער וואנד, וואס אנטקעגען איהם, אין אזא פאזע, פון וועלכע ס'איז געוועזן קלאהר ארויס צו זעהן, אז ער שטעללט צו דאס האלזל פון פלאשעל צום מויל. פון צווייטען זייט האט דאס יונגע מיידעל, וואס האט זיך אנגענוממען וואשען די געפאס, געשטערט אללע ווייל מיין רוה מיט דעם, וואס אנשטאט וואשען האט זי נור געטאן און געבראכען. זייענדיג בעגאבט פון דער נאטור מיט א הייסען טעמפעראמענט, וואס האט עס ניט געלאזט איינזיצען אויף איין ארט, פלעגט דאס מיידעל אללע ווייל ארויסקוקען פון פינסטערען טשולאן אין אונזער צימער, נור חאפענדיג זיך, אז מען קאן עס בעמערקען, פלעגט דאס מיידעל א ציה טהון זיך א הינטער און גלייך מיט די פיס אויף די טעללער. פון דער אונשולדיגע מלחמה האבען מיינע כלים שטארק געליטען.

נור דאס אלס איז קלייניגקייט, וואס איז לייכט געוועזן צו פערגעססען, ווען מען האט די טישטוך אראב גענוממען און דערלאנגט דעסערט. ווען אונזער וועטשערינקע האט דערגרייכט צום דעסערט, האט זיך אויסגעוויזען, אז דער געשיקטער יונגער בחור האט פערלארען אין גאנצען די שפראך און האט ניט געקאנט בעהערשען די פיס. איך האב איהם געהייסען גיין צו מ-ם קראפ אין קיך און נעמען מיט זיך דאס יונגע מיידעל. א שווערע משא איז מיר אראב געפאללען פון די פלייצעס, ווען זיי זיינען אוועק געגאנגען און איך האב אהן זארג גענוממען טרינקען אין דער געזעללשאפט פון מיינע פרייהליכע געסט.

באלד בין איך געווארען זייער פרייהליך. איצט איז מיר אויף'ן מארך ארויף

גֶעשְׁוואוּמֶען אַוֶעלְכֶע זַאכֶען, וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוין הַאלְבּ פֶערְגֶעסֶען אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען בָּאלְבֶען ווִי אַ זָארְגְלָאזֶע אוּנ לַייכְטזִינִיגֶע אִינְגֶעל. אִיךְ הָאבּ גֶעלַאכְט פוּן מַיינֶע אֵיינֶענֶע הַמְצָאוֹת אוּנ פוּן דִי חֲבֵרִים'שֶׁע לֵצָנוּת; הָאבּ גֶעשְׁרִיעֶן צוּ סְטִירְפָּארס'ן, עֶר זָאלל גִיסֶען וַויין; הָאבּ אוֹיף'ן קוֹל גֶעלַיארֶעמְט, אַז אִיךְ ווִילל פָאהרֶען אִין אָקְסְפָארְד אוּנ אִיבֶּער אַכְטָאג וֶועט בַּיי מִיר זַיין אַ גְרָאסאַרְטִיגֶער בַּאל. דֶערנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעחַאפְּט אַ גְרוֹיסֶען שְׁמֶעק טַאבַּאק בַּיי גְרֵיינְדְשְׁוֶוער'ן פוּן טַאבַּאקֶערְקֶע אוּנ הָאבּ גֶעמוּזְט אָבּטְרֶעטֶען פוּן טִישׁ, כְּדֵי אוֹיסנִיסֶען זִיךְ. דָאס נִיסֶען הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בַּיי אַ צֶעהְן מִינוּט.

ווַיין הָאט זִיךְ גֶענָאסֶען ווִי ווַאסֶער, קָארְקֶעס זַיינֶען גֶעפְלוֹיגֶען צוּם סוֹפִיט אוּנ אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶענוּמֶען אֶנְגִיסֶען פַאר דֶער קָאמְפַּאנִיֶע. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטֶען אַ טָאסְט לְכָבוֹד סְטִירְפָארס אוּנ דֶערְצֶעהלְט, אַז עֶר אִיז מַיין בֶּעסְטֶער פְרֵיינְד, מַיין בֶּעשִׁיצֶער פוּן דִי קִינְדֶערשֶׁע יָארֶען, מַיין אָפָּארֶע פוּן דֶער יוּגֶענְד, מַיין חָבֵר, מַיין גֶעזֶעלְשַׁאפְטֶער, מַיין זוּיפּבְּרוּדֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אִין מַיין גַאנְצֶען לֶעבֶען וֶועלל אִיךְ נִיט זַיין אִין שְׁטַאנְדֶע אָבְּצָאהלֶען אִיהם פַאר דִי טוֹבוֹת, וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטָאן אוּנ אַז אִיךְ פִיהל אַ גְרוֹיסֶע אַכְטוּנְג צוּ זַיינֶע טַאלַאנְטֶען. עֶנְדְלִיךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיסגֶעשְׁרִיעֶן:

נָאמִיר טְרִינְקֶען, טְרִינְקֶען, טְרִינְקֶען פַאר סְטִירְפָארס גֶעזוּנְד! זָאלל אִיהם גָאט גֶעבֶּען זַיין בְּרָכָה! הוּרַרָא!

מִיר הָאבֶּען דְרַיי מָאל גֶעשְׁרִיעֶן „הוּרַרָא", דֶערנָאךְ נָאךְ אַ מָאל אוּנ דֶערנָאךְ אַלְס צוּלִייג נָאךְ אַ מָאל. עֶנְדְלִיךְ הָאבּ אִיךְ צוּבְּרָאכֶען אוֹיף פִּיצְלַאךְ מַיין בָּאקַאל אוּנ, גֶעבֶּענְדִיג אִיהם דִי הַאנְד אִיבֶּער'ן טִישׁ, גֶעזָאגְט:

– סְטִירְפָארסדוּבּ–יוּטְמַיינוֶוערְוַוי–זֶערְאִינְלֶע–בֶּען!

לַאנְג נָאךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיסגֶעגָאסֶען מַיינֶע גֶעפִיהלֶען פַאר אִיהם, נוּר פְּלוּצִים הָאט מִיךְ אִיבֶּער גֶערִיסֶען אַ קוֹל פוּן אַ לִיעד. גֶעזוּנְגֶען הָאט מַארְקְהַיים:

לוֹיפְט פוּרְט, טְרוֹיעֶר,

לוֹיפְט פוּרְט, זָארְג!

הוֹי! הוֹי! הוֹי!

אַז מַארְקְהַיים הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי לִיעד, הָאט עֶר פָארְגֶעלֵייגְט הַאלְטֶען אַ טָאסְט פַאר אַ פְרוֹיעֶנְצִימֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ לַייד אִיךְ נִיט אַזַא טָאסְט, דָאס אִיז גְרָאבּ. אוֹיבּ מֶען זָאלל שׁוֹין יָע טְרִינְקֶען פַאר'ן וַוייבֶּערְשֶׁען גֶעשְׁלֶעכְט, דַארְף מֶען נִיט אַנְדֶערְשׁ וִוי פַאר שְׁאנֶע. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ קָאכֶען נִיט אוֹיף גֶעלֶעכְטֶער, ווַייל גְרֵיינְדְשְׁוֶוער אָדֶער סְטִירְפָארס הָאבֶּען גֶעלַאכְט פוּן מִיר אָדֶער פוּן אוּנְז בֵּיידֶען. מַארְקְהַיים הָאט גֶעזָאגְט, אַז קֵיינֶער ווַאגְט נִיט פַארשְׁרַייבֶּען דֶעם טָאג–מֶענְשׁ קֵיינֶע זַאקָאנֶעס. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז נוּר פַאר דֶעם נַארר אִיז נִיטָא קֵיין זַאקָאנֶעס. עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס הֵייסְט בֶּעלֵיידִיגֶען

דעם טאג–מענש. איך האב געזאגט אז אין מיין שטוב בעליידיגט מען קיינעם ניט און איך היט זיך ניט פונגע בכבוד זיין פון מיינע גאסט. ער האט געזאגט, אז ער רעכענט ניט פאר נידריג מודה זיין, אז איך בין א וואוילער יונג און א גוטער מענש און ער האט גלייך געהאלטען א טאסט פאר מיין געזונד.

עמיצער האט פערראוויכערט. מיר האבען אללע געראויכערט. איך האב געראויכערט און געפיהלט, אז א פיעבער גייט מיר איבער אללע גליעדער. סטירפארם האט לכבוד מיר געהאלטען א גלאנצענדע רעדע און איך האב איהם געהערט מיט טרערען. זייענדיג טיעף דורכגעדרונגען מיט דאנקבארע געפיהלען, האב איך רחמים געבעטען די גאסט, זיי זאללען קוממען צו מיר אויף מיטטאג מארגען און איבער-מארגען און בכלל זאללען זיי זיך ניט שטערען און קוממען צו מיר עססען, אללע טאג פינף א זייגער און פערבלייבען אויף א גאנצען אבענד, כדי מיר זאללען קאננען אויסגיססען איינער פאר'ן צווייטען די הערצער. דערנאך האב איך בעקוממען א גרויס חשק האלטען נאך א טאסט–פאר'ן געזונד, כבוד און גליק פון מיין באבען, מיסס בעטסי טראטוואוד, דאס בעסטע פון אללע פרויענציממער אויף דער גאנצער ערד.

עמיצער האט זיך אנגעשפארט אן פענסטער פון מיין שלאף–ציממער און האט דארשטיג געצויגען אין זיך די פרישע לופט. דאס בין איך אליין געוועזען. איך האב זיך אליין געטיטעלט קאפפערפילד און געערדט צו זיך אליין: — „פאר וואס רויכערסט דו, געוויססענלאזעס אינגעל? ווי שעמסטו זיך ניט? דו ווייסט דאך, אז דאס איז ניט גוט, אח, ברודער, קאפפערפילד, דיר וועט, אויסגיין א מאוסער פסק", עמיצער האט זיך גליצענדיג, געמאכט עטליכע טריט און געשטעלט זיך פאר'ן שפיעגעל, דאס איז ווייטער איך, אין שפיעגעל בין איך געוועזען זייער בלייך: די אויגען מיינע האבען אהן דעת געשפרונגען אין אללע זייטען און די האר מיינע– ניט מער ווי די האר אליין–האבען עדות געזאגט, אז איך בין שכור. עמיצער האט געזאגט:

— קום אין טהעאטר, קאפפערפילד.

ניטא קיין שפיעגעל, ניטא קיין בעטט, דער גאנצער שלאף–ציממער איז פערשוואונדען. אויפ'ן טיש קלאפפען די גלאזער, ס'ברעננט א לאמפ. גריינדשזער פון דער רעכטער האנד, מארקהיים פון דער לינקער; סטירפארם אנטקעגען מיר. אללע זיצען עפעס אזוי ווייט אין א געדיכטען נעבעל (טומאן).

— אין טהעאטר? פאר וואס ניט אין טהעאטר? קוממט. נו, אז גיין זאלל זיין געגאנגען. גייט איר פריהר, אללע גייט! גייט פורט. איך וועלל נור פערלעשען די לאמפ און גייה גלייך ארויס. איך וועלל פערלעשען, ס'זאלל קיין שרפה ניט ווערען.

די לאמפ איז אויסגעלאשען, די גאסט היילען, די טהיר איז פערשוואונדען—

וואו? איז אונבעוואוסט. איך זוך איהר צווישען די פענסטער, אין דער לאנג פון דער וואנד–ניטא קיין טהיר. סטירפארס האט זיך צו לאכט אונ, אנגעמענדיג מיך פאר דער האנד, ארויס געפיהרט פון צימער מיר לאזען זיך אראב פון די טרעפ, איינער נאך'ן צווייטען, אויף איינער פון די לעצטע טרעפ, האט זיך עמיצער אויס געגליטשט אונ אראבגעקייקעלט זיך, א צווייטער האט בעמערקט, אז דאס איז קאפפערפילד. איך האב זיך ממש אנגעצונדען פון אזא רכילות; נור באלד האב איך דערפיהלט, אז איך ליג אין קארידאר מיט'ן פנים ארויף אויף מיין אייגענע רוקען: ווייזט עס, אז אין דער רכילות איז יע פאראן א ביסעל אמת.

פייכט אונ נעבליג (טומאנע). אויף דער גאס, ארום די פאנארען שטייען מערקווירדיגע מאטע רינגען, זייער גרויסע. מען זאגט, אז עס שפרייהט א רעגעלע. פלוידערייו! האט עמיצער געאנטפערט: עס שפרייהט ניט, נור עס שנייט. דאס האב איך אליין געזאגט. סטירפארס האט מיך צוגעפיהרט צו א פאנאר, אבגעצישטשעט דעם רוקען אונ אנגעטאן מיר א היטעל אויף'ן קאפ. פון וואנען האט זיך דער הוט גענומען, ווער האט איהם געבראכט אונ צו ליעב וואס – איז אונבעוואוסט. איך האב געוואוסט, אז ביים ארויסגיין פון צימער איז אויף מיר קיין הוט ניט געווען. סטירפארס האט געזאגט:

– נו, קאפפערפילד, איצט ביזטו מיט אללעם פארטיג: ניט אזוי?

– אזרוי ארזרוי! האב איך געאנטפערט.

עפעס א מענש, וואס איז געזעסען עפעס אין א טויבענשטייג, האט ארויסגעקוקט פון אונטערן נעבעל אונ האט ביי עמיצען גענוממען געלט אונ געפרעגט, צו וועט מען פאר מיר אויך בעצאהלען. מען האט איהם געאנטפערט, אז יע; נור איך געדיינק, ער האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, צו נעמען פאר מיר געלט, צו ניט. אין א ווייל ארום זיינען מיר שוין געווען אין דער הויך, זייער הויך, אונ געקוקט אראב אויף א טיעפע גרוב, וואו ס'האט זיך עפעס ווי געריכערט אונ מענשען זיינען דארט געווען אנגעפיקעוועט. אויף דער סצענע איז געווען ריין אונ ליכטיג, א סך ריינער אונ ליכטיגער אלס אויף דער גאס. מענשען זיינען דארט ארום געגאנגען הין אונ צוריק, אין דער לאנג אונ דער ברייט אונ האבען עפעס גערעדט, וואס? – איז אונבעוואוסט. ליכט האבען געברענט זייער העלל אונ די מוזיק האט געשפיעלט לויט, אין די לאזשעס זיינען געזעסען שאנע דאמען אונ דא איז נאך עפעס געווען; נור וואס אזוינס? איז אונבעוואוסט. פלוצים האט זיך דער גאנצער טהעאטר גענוממען טרייסלען, לעדים אונ דשענטלמענעס האבען גענוממען ווי שווימען, וואו, נאך וואס, פאר וואס–איז ווייטער אונבעוואוסט: עפעס אללע האבען זיך אויפגעפיהרט אזוי פליאה'דיג, ראטזועלהאפט, אונ איך האב זיך זאנאר צוגעקליבען פאדערען א חשבון, וואס פאר א משונה'ת פראווען זיי דא

עמיצער האט געזאגט, אז מען דארף אראב הינטען, וואו די דאמען זיצען, און מיר זיינען אראב. עפעס א דשענטלמען רייך פערפוצט איז ברייט געזעססען אויף א זאפע מיט א בינאקל אין דער האנד און האט מיר מערקווירדיג אנגעקוקט. איך האב זיין געזיכט דערזעהן אין שפיעגעל, און דארט איז דורך געפלויגען מיין אייגענע פיגורע. דערנאך האט מען מיך אריין געפיהרט עפעס אין א לאשזע, וואו איך האב זיך געזעצט און געמאכט פאר די הערביזיצענדע עפעס א בעמערקונג. עפעס איינער האט צום צווייטען א געשרייה געטאן: „שטילער!" דאבי האבען איניגע לערים א ווארף געטאן אויף מיר א צארנדיג בליק און — ווי אזוי איז דאס געווארען? גאלע וואונדער, גאטס נסים, נור איך האב דערזעהן אגנעסען. אט זיצט זי קעגען מיר אין דער זעלבע לאשזע; הינטער איהר — א דשענטלמען מיט א לעדי, וועלכע איך קאנן ניט. איצט זעה איך איהר געזיכט א סך בעסער, אלס א מאל: איהרע ציגע דריקען אוים איבעראשונג און רחמנות.

— אגנעסא! האב איך, דוכט מיר, געזאגט מיט א באסאווע קול. —וויאזוי קומאירדאי! אג-נע-סא-י!

— ששש! שטילער! האט זי געאנטפערט, צו מיין וואונדער, מיט א צורודערטען טאן. איר לאזט ניט הערען. קוקט אויף דער סצענע.

— וואס איז דארט פאראן צו זעהען, וואלט איך וועללען וויססען.

לאנג האב איך געאפענט די אויגען און געמאטערט זיך קוקען, איך האב אויסגעשפיצט מיינע אויערען: נור איך האב קיין זאך ניט געזעהן, קיין זאך ניט געהערט. ס'איז אלס נארעשקייט. איך האב ווייטער א קוק געטאן אויף אגנעסען: זי האט זיך פערוקט אין א ווינקעל פון דער לאשזע און מיט איהר האנד האט זי זיך געהאלטען פאר'ן קאפ.

— אגנעסא! האב איך געזאגט:— אירזיידוכזיכניטגעזונד.

— יע, יע. קוקט אויף מיר ניט, טראטוויד, האט זי געאנטפערט. זיצט און הערט. איר גייט באלד א היים.

— באלדאהיימגייאיך? האב איך איבער געפרעגט.

— יע.

מיר איז איבער געלאפען א נארישער געדאנק אנטפערען איהר, אז איך וועלל ווארטען ביז'ן סוף ספעקטאקל און דערנאך בעגלייטען איהר א היים. מיר דוכט, אז איך האב עפעס יא א מורמעל געטאן אזא מין אנטפער. ווי דאס איז, אבי אגנעסא האט פערשטאנגען, וואס איך מיין. זי האט א רגע פערוואונדערט אנגעקוקט און שטילל געאנטפערט.

— איך ווייס, אז איר וועט טהון, וואס איך וועלל אייך בעטען אויב איר וועט נור וועללען פערשטייהן, אז איך רייד ערנסט. גייט שוין, די רגע, אוועק פון דאנען. טהוט עס צו ליעב מיר און בעט אייערע חברים, זיי זאללען אייך בעגלייטען א היים.

דאס איז שוין געווען צו פיעל, און איך בין זאנאר אין כעס געווארען אויף אנגעסען. דאך, איך ווייס אליין ניט פאר וואס, איז מיר געווארען מאוס, ווייער מאוס. איך האב זיך אויפגעהויבען, גענומען דען הוט, פערנייגט און געזאגט:

— צווידעזעהני!

דאס הייסט צום ווידערזעהן. דערנאך בין איך ארויס פון דער לאשוע און אין איין אויגענבליק בין איך שוין געווען ביי זיך אין צימער. ווי אזוי האט עס פאסירט, איז אונבעוואוסט. סטירפארם האט מיר געהאלפען אויסטהון זיך און האט מיך אריין געלייגט אין בעטט. איך האב פאר איהם גערעדט און שאן גערעדט, ווי מיר דוכט, אז אנגעסא איז מיין שוועסטער, מיין ליעבע, אונפערגעסליכע שוועסטער, דאביי האב איך איהם געבעטען רחמים, ער זאלל קריגען א פראפעצייהער און אפעגען א נייע פלאשיל.

עמיצער האט זיך געלייגט אין מיין בעטט און האט אנגעהויבען קארריקאטוריש איבערמאכען אללע סצענעס פון היינטיגען טאג. דאס בין איך אליין געווען, איך האב געהאט היטץ און מיר האט גערוכט, אז מיין בעטט איז א שטורמענדעס רוישענדעס מעער (ים). ביסלעכווייס האבען זיך גענוממען מישען מיינע דמיונות מיט דער ווירקליכקייט און איך האב זיך דאס ערשטע מאל געחאפט, אז מיין הוט האט זיך פערוואנדעלט אין א הארטע חיה'שע פעל, אז מיין צונג, ווי די דעק (דנא) פון א ליידיגען צוהון, ווערט פערברענט אויף'ן שטיללען פייער, אז די דאליאנעס פון מיינע האנד זיינען ווי צוויי אנגעברענטע מעטאללענע ברעטלאך, וועלכע וועללען זיך ניט אבקיהלען אפילו דאמאלס, ווען מען זאלל זיי אבגיסען מיט אייז–וואססער.

מיט די ערשטע שטראהלען פון דער זונן האט זיך מיר דער דעת אומגעקעהרט. חרפה, חרטה, שרעקליכער טרויער — וועלכע פעדער איז אין שטאנדע איבער צו געבען אלס, וואס איך האב געפיהלט, ווען איך האב אויפגעעפענט די אויגען. מיט שרעק האב איך א טראכט געטאן, אז ווערענדיג געבראכט צו אזא בהמישען מצב, ווען איך האב קיין זאך ניט געפיהלט, האב איך דאך נאכטען געקאנט מאכען טויזענדער פעהלערען, וועלכע זיינען איצט פערשוואונדען געווארען פון מיין מארך, נור וועלכע איך וועלל קיין מאל ניט פערגעססען. נור אנגעסעס געזיכט, וועלכע איז געווען אי צושראקען אי פולל רחמנות, האט זיך מיר איינגעהאקט אין מארך און איך וועלל עס קיין מאל ניט פערגעססען. וואס דיינקט זי איצט וועגען מיר? ווי פעראנטפערט מען זיך פאר איהר? איך קאן זיך זאנאר ניט זעהן מיט איהר, ווייל — א, וואס פאר א אונזינן! — איך ווייס זאנאר ניט, ווי אזוי איז זי געקוממען אין לאנדאן און וואו איז זי פערפאהרען.

איך בין אויפגעשטאנגען און אהן דעת אריין אין צימער, וואו ס'איז

פארגעקומען אונזער נאכטיגע הולאניע. דער קאפ האט זיך מיר געשפאלטען, דאס הארץ האט געשפרונגען. מיט וואס זאלל איך פערגלייכען דעם האס, מיט וועלכען איך האב א קוק געטאן אויף'ן טאבאק-רויך, אויף די צובראכענע גלאזער אונ פלאשלאך!... וואס פאר א טאג! וואס פאר א טאג!

איך האב פהיזיש ניט געהאט קיין כח ארויס גייהן פון הויף. דער יאוש האט זיך מיר פערגנבעט אין הארצען אונ מיט גרויסע יסורים געריססען מיך אונ געצופט. איך בין געזעססען מיט א טשאשקע בוליאן אין דער האנד, געזעססען אונ געטראכט, אז איך האב זיך גענוממען אויף'ן זעלבען וועג, וואס דער פריהרדיגער שכן פון דער דירה איז געגאנגען אונ וואס איז געשטארבען פון שכרות אונ רויך. איך בין כמעט גרייט געוועזן פאהרען אין דובער צו דער באבען אונ מודה זיין איהר אין אלם.

ס'איז געווארען אבענד — א שרעקליכער, טייפעלשער אבענד! מ—ס קראפ האט אויף א טעללער אריין געטראגען א גיער אונ א-נ-אוגערקע, וואס איז איבערגעבליבען פון נאכטיגען מיטטאג. דער קיממער האט מיר אזוי פיעל ענג געמאכט, אז איך בין געוועזן גרייט ווארפען זיך מ—ס קראפ אויף איהר נאנקענע הארץ אונ זאגען:

— א, מ—ס קראפ, מ—ס קראפ! וואס גייט מיר אן אייער גיער אונ אוגערקע? זאלל דאס גייהן צו אלדע רוחות! א, איך בין זייער אונגליקליך, מ—ס קראפ!

צום גליק, ניט קוקענדיג אויף מיין פערצווייפלונג, האב איך נאך געקאנט פערשטיין, אז מ—ס קראפ געהערט ניט צו יענעם צאהל פרויען, וואס זיינען פייהיג אויסהערען, ווי יענער גיססט אויס זיין הארץ. אונ מיין טרויריגער מאנאלאג איז געבליבען ניט געזאגט.

IV.

איך האב א געני — א שומר אונ דעמאן — א פערפיהרער.

א נאנצען מעת-לעת האב איך געליטען פון קאפ-וויהטאג, געוויססענס ביססע אונ מיר האט שרעקליך גענודשעט. אויף'ן קינפטיגען מארגען, אז איך בין אויפגעשטאנגען, האט מיר שוין געדוכט, אז די הולאניע איז פארגעקוממען מיט עטליכע צעהנדליג טאג צוריק, איך האב זיך צוגעקליבען גיין ערגעץ אונ ארויסטרעטענדיג פון טהיר, האב איך דערזעהן אויף די טרעפ א מענשען מיט א בריעף אין דער האנד. ער האט זיך אויף געהייבען אין דער הויך זייער פויל, נור ווי ער האט מיך דערזעהן האט ער זיך געלאזט האסטיג לויפען אונ כלומרשט געהאפט קוים דעם אטהעם פון מידקייט, פונקט ווי ער זאלל האבען געלאפען עטליכע ווערסט ניט אבגערוהט.

— צו מ—ר טראטוויד קאפפערפילד, עסקוואיר, האט ער געזאגט.

 איך

איך האב־קוים ארויסגעוויזען מיין רעכט אויף דער פאמיליע קאפפערפילד; אזוי בין איך געוועזען בעוועגט פון געדאנק, אז דער בריעף איז געוויס פון אגנעסען. דער פאסלאנעץ האט מיר געזאגט, אז מען ווארט אויף איין ענטפער. איבער־לאזענדיג איהם אויף'ן גאנעק, בין איך צורודערט אריין אין צימער: די האנד האבען מיר געטרייסעלט, די אויגען זייגען געשפרונגען איבער'ן אדרעס פון איין אות אויף'ן צווייטען, איך האב דעם קאנווערט געדרייט רעכטס און לינקס, א נידער געליינט אויף'ן טיש, ווייטער גענומען אין האנד, א דרייה געטאן איהם און ענדליך אויפגעריססען.

דער בריעף איז געוועזען א פריינדליכער אהן שום אנצוהערעניש, וואס אין טהעאטער איז פארגעקוממען. דאס איז דער בריעף.

„ליבענסווירדיגער טראטוואוד.

איך בין פערפאהרען צו מ–ר אויטערברוק, אויף'ן פלאץ עלי. מ–ר אויטער־ברוק איז דעם פאטערס א–נ–אגענט. פיעלייכט וועט איר הייגט צו מיר אריין קוממען? איך בין א גאנצען טאג צו–הויזע און איר וועט מיך טרעפען, ווען איר וועט קוממען.

אייער ערגעבענע אגנעסא."

לאנג בין איך געזעססען און געבראכען דעם קאפ אויף א–נ–ענטפער און איך ווייס שוין ניט, וואס האט וועגען מיר געדיינקט דער פאסלאנעץ, אויב ביי איהם איז נור ניט געבליבען, אז איך האב זיך ערשט אנגעהויבען לערנען שרייבען, איך האב פערפאטשקעט לכל הפחות א האלבע טוץ זאפיסקעס, איינע האט זיך אנגעפאנגען:

„א, קאנן איך דען האפען, ליבענסווירדיגע אגנעסא, אויסדריקען א מאל פון אייער מארק דעם שרעקליכען איינדרוק..."

די הקדמה אבער איז מיר ניט געפאללען געווארען, איך האב דאס פאפירעל צו ריססען אויף פיצלאך און אנגעהויבען אנדערש:

„שעקספיר האט געזאגט זייער א טיעפעווארהייט: דער ערשטער פריינד פון מענשען, איז דער מענש אלליין."

נור דאס איז מיר אויסגעקוממען געקינסטעלט און אויפגעבלאזען. איך האב ווייטער צוריססען און גענוממען שרייבען גאר אין שירים:

א, ליעבער פריינד, ניט דערמאן...

נור וואס פאר א ריפמע קלייבט מען צו? סיון–איז א גוטע ריפמע, נור וואס פאר א רעיון וועט דא זיין? ניין, שרייבען שירים שכורהייט–טויג ניט. איך האב זיך ווייטער גענוממען צו פראזע און נאך גרויש מאטערניש האב איך קוים אנגעשריבען די עטליכע ווערטער:

„ליבע אגנעסא,

אייער שרייבען ווייזט מיר ווי וויט גוט איז אייער הארץ. פיער א ווייגער קום איך צו אייך.

אייער ערגעבענער אונ קלאגליכער פריינד

טראטוויד קאפפערפילד."

אונ ווי נור דער פאסלאנעץ האט ביי מיר צוגענוממען דאס צעטיל, האב איך איהם שוין געוואלט רופען צוריק אונ אנשרייבען א-נ-אנדער אנטפער, נור ס'איז שוין געווען שפאט.

פון געמיינדע בין איך ארוים האלב פיער אונ אין פינף מינוט בין איך שוין געווען אויף'ן ארט וואס אגנעסע האט געשריבען, דאס האט געדויערט א לאנגע צייט אונ דער שטאדט זייגער האט געשלאגען א פיערטעל פינף, ווען איך האב זיך בעשלאססען אנקלינגען ביי מ—ר אויטערברוק, אזוי בין איך געווען צוהיצט פון געדאנק אז באלד דארף איך זעהן די מילדע, אונשולדיג געשאפ וועלכע נעמט אין מיר אזא פריינדליכען אנטהייל.

מען האט מיך אריין געפיהרט אין א קליין, שאן צימערל, וואו אגנעסא איז געזעססען אונ געשטריקט א בייטעלע.

ביים ערשטען בליק אויף דער גוטע, מילדע וועזען האב איך זיך דערמאנט די גליקליכע, רוהיגע טאג, וואס איך האב פערבראכט אין קענטערבערי. ניט ווילענדיג האב איך פערגלייכט יענעם אונשולדיגען אדעלען אינגעל פון יענער צייט מיט דעם זולל וסובא ווי איך האב אויסגעוויזען אין טהעאטר. איך בין מודה אז איך האב זיך בעגאססען מיט ביטערע טרערען; נור איך וויים ניט, צו דאס איז געווען קלוג צו נארעש פון מיינער זייט.

— ווען א צווייטער זאלל מיך זעהן אין יענער אונגליקליכע לאגע, וואלט מיך געוויס בעדויערט, נור איך וואלט אפילו האלב ניט געזארגט, ווי איצט. ביי מיר וואלט געוועזן בעסער טויזענד מאל שטארבען, איידער אייך ווייזען זיך אויף די אויגען אין אזא מצב.

זי האט א נידערגעלייגט איהר האנד אויף מיין אכסעל, וואס פאר א קראפט איז געלעגען אין דעם בעריהרען; מיין טרויער איז פערשוואונדען, אויף'ן הארצען איז מיר געווארען גרינג אונ פרייהליך. איך האב מיט א טיעפען דאנקבארען געפיהל צו געטראגען איהר האנד צו מיינע ליפפען...

— זעצט זיך, האט אגנעסא פרייהליך געזאגט. דאגה'ט ניט, טראטוויד. ווער וועט אייך טרייסטען, אז איר וועט מיר אויפהערען דערצאהלען אייערע סודות?

— אח, אגנעסע! האב איך געזאגט. — איר זייט מיין גוטער-בעשיצער!

זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אונ א טרויריגער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפפען.

– יע, אַנגעסאַ! איר זייט מיין גוטער גֶעני! איר האט מיך שטענדיג ווי אַ גוטער מלאך פערהיט.

– אַ געני אָדער ניט, נור איך וואָלט טאַקע וועללען פערהיטען אייך, טראַטוויד...

איך האָב אויף איהר פראַגענד אַ קוק געטאָן און האָב געטראָפען, וואָס זי וויל זאָגען.

– פערהיטען אייך פון אַ געני אַ פערפיהרער.

– דיינקט איר עס אַזוי וועגען סטירפּארס'ן?

– יע טראַטוויד.

– אויב אַזוי האָט איר אַ טעות, ליעבע אַנגעסאַ, אַ גראָבען טעות. ווי קאָנן איך גאָר אַרויף אויף'ן געדאַנק, אַז סטירפּאַרס, וועלכער איז שטענדיג געווען מיין וועג־ווייזער, חבר און בעשיצער איז גאָר מיין פערפיהרער! ניין, אַנגעסאַ, פאַר אייער אַדעליגע האַרץ פּאַסט גאָר ניט האָבען אַזאַ מיינונג, צו דען שליסט איר אייער מיינונג דערפון, וואָס איר האָט מיך אין טהעאַטער געזעהן אַלס קלאָגליכע בעשאַפעניש?

– ניט דערפון אַלליין שליסס איך, האָט זי געאַנטפערט רוהיג.

– פון וואָס נאָך?

– פון פיעל זאַכען, וואָס אויב מען זאָל בעטראַכטען יעדע זאַך בעזונדער איז גאָר נישט, נור צוזאַממען האָבען זיי אַ גרויסע בעדייטונג. אַ בעגריף וועגען איהם האָב איך אַ ביסעל פון אייערע מעשיות וועגען איהם און ווייטער פון דעם ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף אייער כאַראַקטער.

איהר שטילע, זאַנפטע שטיממע האָט מיר איינגעדרונגען טיעף אין האַרצען. זי איז אַנשוויגען געוואָרען און אַראָב געלאָזט די אויגען אויף איהר אַרבייט; נור איך האָב נאָך אַלס געקוקט אויף איהר שווייגענד, פונקט איך זאָל האָבען צוהערען זיך צו איהר ריידען. ניט קוקענדיג אויף מיין צוגעבונדענקייט צו סטירפּאַרס'ן, איז זיין בילד געוואָרען אַלס דונקעלער אין מיינע אויגען.

– אמת, האָט אַנגעסאַ געזאָגט, אויפהייבענד דעם קאָפּ, –איך בין זיך איצט בעגאַנגען זייער העזהדיג. איך האָב שטענדיג געלעבט אין איינזאַמקייט און זייער ווייניג מענשען געזעהן אין מיין לעבען, דאָך האָב איך זיך בעשלאָססען, ניט נור געבען אייך אַ עצה, נור געבען אַ שטרענגען אורטהייל (משפט) איבער אייער חבר. דאָס טהו איך אַזוי, ווייל מיר זיינען זייער טהייער די ערינערונגען (זכרונות) פון די קינדערשע יאָרען, וועלכע מיר האָבען פערבראַכט צוזאַממען, אויך ווייל איך קאָנן ניט נעמען אַטהייל אין אַלס, וואָס ס'בעלאַנגט אָן אייך. אָט וואָס מיר האָט צו געגעבען העזה אַרויס ריידען אַזוי שאַרף מיין מיינונג, און איך בין זיכער אַז איך האָב קיין טעות ניט. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז סטירפּאַרס איז פאַר אייך אַ געפאַהרליכער פריינד.

און איך האב ווייטער ניט געקאנט אראב נעמען די אויגען פון מיין ליעבע שוועסטער, פון מיין פריינד פון די קינדערשע יארען. זי האט געענדיגט איהר רעדע, נור איך האב נאך אלס געהערט. סטירפארס'ס בילד איז אלס דונקעלער און דונקעלער געווארען און געגומען זיך פערדעקען מיט א פינסטערקייט.

— געוויס, האט אגנעסא ווייטער גענומען ריידען נאך א קורצען שטילשווייגען, — וואלט איך געטאן זייער ניט קלוג, ווען איך זאלל פון אייך פאדערען, אז איר זאלט גלייך אנדערען אייער מיינונג וועגען איהם. די צוגעבונדענקייט צו אייער חבר איז פון לאנגע יארען, נאך פון שוהל, און זי האט זיך טיעף איינגעווארצעלט: קאנן מען עס ניט מיט א מאל אויסרייסען. איך בעט אייך נור וועגען איין זאך, טראטוויד: אויב איר וועט א מאל מיך דערמאנען... זי האט רוהיג א שמייכעל געטאן, בעמערקענדיג, אז איך וויל איהר עפעס ענטפערען און זי האט תיכף צוגעגעבען: — דאס הייסט יעדעס מאל וואס איר וועט מיך דערמאנען, זאלט איר ניט פערגעסען, וואס איך האב אייך געזאגט. איר זייט אויף מיר ניט אין כעס, דוד?

איך וועלל אויפהערען זיין אין כעס אויף אייך נור דאמאלס, ווען איר וועט זיך נאהענטער בעקאנען מיט סטירפארס'ן און, אבגעגעבענדיג איהם די ווארהייט, וועט איר איהם ליעב קריגען, ווי איך.

— ניט פריהר? האט אגנעסא געפרעגט און א גרינגער שאטען פון אונצופריעדע הייט איז איהר איבער געלאפען איבער'ן שיינען געזיכט, נור באלד האט אגנעסא געענטפערט מיט א שמייכעל אויף מיין שמייכעל און מיר האבען ווייטער גענומען ריידען אפענהערציג.

— און איר, אגנעסא, ווען וועט איר מיר מוחל זיין מיין אויפפיהרונג אין טהעאטער?

— גלייך ווי איך וועלל זיך וועגען דעם דערמאנען.

זי האט גאר וועגען דעם ניט געוואלט ריידען; נור איך האב זיך ניט געקאנט בערוהיגען, כל זמן איך האב איהר ניט אויסדערצאהלט אללע פאדראבנאסטען פון דער אונגליקליכען צופאלל. איצט איז מיר געווארען גרינגער אויף'ן הארצען, איבערהויפט איז מיר געוועזען אנגענאהם דערצאהלען איהר, ווי גוט סטירפארס האט מיר געדינט, ווען איך האב זיך ניט געקאנט בעגיין אהן זיין הילף.

— געדיינקט שוין, טראטוויד, האט אגנעסא רוהיג געזאגט און געגעבען א-נ-אנדער ווענדונג דעם געשפראך, — איר זאללט קיין מאל ניט פערגעסען דערצאהלען מיר אללע אייערע סודות: איך דארף וויסען אללע אייערע פרייד און לייד. זאגט אפען, ווער האט איצט פערטראטען מיסס לארקינס ארט ביי אייך אין הארצען?

— קיינער ניט, אגנעסא.

— געוויס! אזוי טאקע, טראטוויד? האט אגנעסא געזאגט און אין שפאס א שטראשע געטאן מיט'ן פינגער.

— ביי מיין עהרע. אמת, ביי מ—ס סטירפארס געפינט זיך א יונגע לעדי, א קלוגע און א ליעבענסווירדיגע, מיסס דארטל; נור איך בין אין איהר ניט פערליעבט.

אנגעסא האט זיך צולאכט און געזאגט אז אויב איך וועלל שטענדיג זיין פאר איהר אפענהערציג, וועט זי מאכען ביי זיך א גאנצעס ביכעל פון אללע מיינע אינטריגעס און דארט וועט זיין פערצייכענט, ווען מיין ליעבע האט זיך אנגעפאנגען און ווען איז זי אויסגעלאשען געווארען. דערנאך האט זי געפרעגט, צו האב איך דא ניט געזעהן אוריה גיפפ'ן?

— אוריה גיפפ? האב איך געאנטפערט. — ניין. ער איז דען אין לאנדאן?

— יע. יעדען טאג קוממט ער אהער אין קאנטאר, האט אנגעסא געזאגט.— ער איז אהער געקוממען מיט א וואך פאר מיין קוממען.

— אייך בעאונרוהיגט דוכט זיך זיין קוממען אהער, האב איך געזאגט. מיט וואס פאר א געשעפט איז ער אהער געקוממען?

— איך רעכען, האט זי געאנטפערט, — אז אוריה מאכט דא הכנות אריין טרעטען אין שותפות מיט מיין פאטער.

— ווי? אוריה? דו נבזה'דיג, שפלה בעשעפעניש! און ער וואגט גאר האבען אזעלכע רעיונות? האב איך אויסגעשריען מיט כעס. — און איר, אגנעסע, שטערט גאר ניט אין דעם? איר האט גאר ניט בערעכענט, וואס וועט זיין דער סוף פון אזא שותפות? איר דארפט ערקלעהרען דעם פאטער און פערהיטען איהם פון אזא זאך. איר דארפט אנווענדען אללע מיטלען ניט דערלאזען צו אזא אונגליק, כל זמן ס'איז ניט שפעט.

אנגעסא האט אויף מיך געקוקט, געשאקעלט מיט'ן קאפ און טרויריג געשמייכעלט, ווען איך האב גערעדט מיט אזא היטץ.

— איר געדיינקט אונזער לעצטען געשפראך וועגען פאפא? אין צוויי צו אין דריי טאג ארום האט ער מיר דאס ערשטע מאל דערצאהלט וועגען דעם. ס'איז געווען טרויריג צוקוקען זיך, ווי ער האט מיר געוואלט איינשמועסען, אז ער טהוט עס פרייווילליג.

— ווער קאנן דאס איהם נייטען?

— איר פערשטייט, אוריה האט זיך אזוי צוגעמאכט צום פאטער, אז ער איז איהם געווארען נויטהיג. ער האט גוט בעמערקט מיין פאטערס שוואכען זייט, האט זיך קינסטלאך מיט דעם בענוצט, און... ווי זאלל איך דאס אייך זאגען... דער פאפא, מיט איין ווארט, האט פאר איהם מורא.

איך האב געזעהן, אז דא איז פאראן א סוד, נור אגנעסע, פון פאטערס כבוד וועגען האט געשוויגען. ס'קאנן זיין, אז זי אלליין האט ניט געוואוסט און האט גאר ניט חושד געווען אוריה'ן אין די אללע רמאות, וואס ער האט געמאכט. ווי דאס איז, איך האב איהר ניט געוואלט קוועלען מיט מיינע שאלות. איך

האב געפיהלט, אז די נעץ האט זיך שוין לאנג געפלאכטען און האב פערשטאנען אז פריהר, שפעטער מוז נעמען אזא ענדע. איך האב איהר קיין ווארט ניט געאנטפערט.

— אוריה האט געקריגען א גרויסע ווירקונג אויף'ן פאטער, האט אגנעסא ווייטער גערעדט, — און זאגאר ער ווייזט ארויס זיין דאנקבארקייט מיט גרויס הכנעה, דאך האב איך מורא, ער זאלל מיט דער צייט ניט בענוצען צו שלעכטס זיין לאגע.

איך בין אויך געוועזען דעם זעלבען מיינונג און האב אוריה'ן פערגלייכט מיט א יאגדהונד; מיר איז געוועזען אנגענעהם אויסצווייזען מיין כעס צו דעם מענשען.

— מיט א קורצע צייט פריהר, איידער איך האב זיך דערוואוסט פון דעם פלאן, האט אגנעסא ווייטער דערצאהלט, — האט אוריה געבעטען דעם פאטער, ער זאלל איהם בעפרייען פון זיין שטעלל, זאגאר איהם טהוט עס זייער לייד, נור איהם מאכט זיך א בעסערעס ארט. דאמאלס איז דער פאטער געוועזען זייער פער־דאגה'ט און פערוואָרפען מיט ארבייט. איהם איז איינגעפאלען א געדאנק, מאכען אוריה'ן פאר א שותף, נור ער האט זיך געשעמט צו טהון אזא זאך.

— און ווי האט איהר די בשורה אנגענומען?

— איך רעכען, טראָטווּד, האט זי געאנטפערט, — אז איך בין זיך בעגאנגען, ווי געהעריג איז. איך האב געפיהלט, אז דאס איז נויטהיג פאר'ן פאטערס רוה און דאריבער האב איך איהם דערצו צוגעגעבען חשק. איך האב געזאגט, אז האבענדיג א שותף אין קאנטאר, וועט ער ווערען בעפרייט פון זיין שווערע ארבייט און וועט האבען מער מעגליכקייט זיין מיט מיר צוזאממען. א, טראָטווּד! האט אגנעסא אויסגעשריען, פערדעקענדיג דאס געזיכט מיט די האנד און א קוואלל טרערען האט זיך איהר געעפענט אין די אויגען, — מיר דוכט אפט, אז איך פיהר דעם פאטער צום אונגליק. איך ווייס, ווי ער האט זיך מקריב געוועזען פון מיינט וועגען, ווי ער האט זיך צו ליעב מיר ענטזאגט פון בעקאנטע און פערקירצט זיינע געשעפטען, כדי ער זאלל זיך קאננען אבגעבען אין גאנצען מיט מיר. זיינע דאגות וועגען מיר גיבען איהם ניט קיין רוה ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט; די דאגות האבען פערפינסטערט זיין לעבען, האבען פערשוואכט זיין ענערגיע צום געשאפט און זיינע אללע פיהיגקייטען (כשרונות) זיינען אוועק אויף איין זאך. א, ווען וועט מיר געלינגען ראטעווען איהם פון אונגליק, אין וועלכען איך האב איהם אלליין, ניט וויסענדיג, אריין געבראכט!

איך האב נאך קיין מאל ניט געזעהן אזא פערצווייפעלטען קיממער ביי איהר אויף'ן געזיכט. איך האב געזעהן, ווי זי האט געוויינט פאר שמחה, ווען איך פלעג קוממען פון שוהלע מיט א נאגראדע; איך האב געזעהן, ווי טרערען האבען זיך איהר געקייקעלט אין די אויגען, ווען מיר האבען גערעדט וועגען איהר פאטער;

איך האב געזעהן, ווי זי פלעגט אבקעהרען איהר פראכטפאללען קאפיל, ווען מיר פלעגען זיך שיידען; נור קיין מאל האב איך אין איהר ניט געזעהן אזא טיעפען קיממער. איך בין אזוי געוועזן פערצווייפעלט פון דער סצענע, אז איך האב קוים אויסגערעדט: „וויינט ניט, אגנעסא! וויינט ניט, ליעבע!" נור אגנעסא האט זיך לאנג ניט געטרייסטעט — איך בין געוועזן אין מיין טרייסטען, זי האט באלד בעזיעגט איהר פערצווייפלונג אונ איהר פראכטפאללעס געזיכט האט צוריק אנגענוממען זיין געוואהנליכען, מילדען אונ רוהיגען אויסדרוק, וועלכען איך האב נאך קיין מאל ניט געזעהן ביי קיין פרויענצימער. אזוי טרעפט א מאל אין א שאנען, העללען טאג לויפט א דורך פלוצים איבער'ן רייגען הימעל א פינסטערער וואלקען, אונ נאך ערקוויקענדער ווערט דערנאך די מראה פון דער ריינער דורכזיכטיגער בלאהקייט.

— איך רעכען, אז אונז איז פערבליבען נישט לאנג זיצען ביינאנד אונ ריידען, האט אגנעסא געזאגט, — אונ דאריבער אייל איך זיך בענוצען מיט דער צייט, כדי צו בעטען אייך, איר זאללט זיך מיט אוריה'ן בעגיין וואס אדעלער. ניט פעראכטעט זיין געזעללשאפט אונ ניט ווייזט ארויס אייער האס צו איהם. ס'קאן זיין, אז ער פערדיענט ניט קיין שלעכטע בעהאנדלונג: אויף געוויס ווייסען מיר נאך ניט, וואס ער איז. אללענפאללס האט אין זינן דעם פאטער אונ מיך.

אין דער מינוט האט זיך די טהיר געעפענט אונ אין צימער איז אריין מ–ס אויטערבראק זי איז געוועזן א פולע אונ א דיקע פרוי. איך האב ווי דורך א חלום געדיינקט, אז איך האב איהר געזעהן אין טהעאטר. זי האט מיך גלייך דערקאנט אונ האט מיר נאך חושד געוועזן, אז איך געפין זיך אין דער זעלבע לאגע, ווי ביי אונזער ערשטע בעגעגעניש.

באלד אבער האט זי זיך איבערצייגט, אז איך בין ניט שכור. זי האט מיר געפרעגט, צו שפאציר איך אין די גארטנער, צו בעזוך איך אפט געזעללשאפט, אונ איך האב ביי איהר אין די אויגען היבש פערלאהרען, ווען איך האב געאנטפערט, אז ניט. דאך האט זי מיך אויף מארגען פערבעטען צום מיטטאג. איך האב איהר בעדאנקט אונ באלד אבשייד גענוממען פון די דאמען. פון גאסט–צימער בין איך אריין אין קאנטאר זעהן זיך מיט אוריה'ן. איך האב איהם ניט געטראפען אונ איבער געלאזט מיין וויזיטנע קארטאצקע.

ווען איך בין אויף מארגען געקוממען אהער, האב איך שוין אויף'ן גאנעק דערהערט א ריח פון געבראטענע שפעסענפלייש. ס'איז געוועזן לייכט צו זעהן, אז ניט איך אלליין בין פערבעטען צום מיטטאג.

מ–ר אויטערברוק איז געוועזן פון מיטטעלע יארען מיט א קורצען האלז, א הויכען קראגען. ווען ער זאלל האבען א שווארצע נאז, וואלט ער געוועזן אהנליך אויף א מאפס. ער האט ארויס געוויזען, אז ער איז זייער צופריעדען, וואס ער האט געהאט די עהרע מיט מיר זיך צו בעקאנען. ער האט מיך באלד בעקאנט

געמאכט מיט א בעיארטע פרוי, א נידריגע אין א שווארצע סאמעט קלייד און א שווארצען הוט. די לעדי האט מען גערופען מ-ס העגרי ספאיקער. זי איז געקומען צופארען מיט איהר מאן, וועלכער האט געהאט אזא קאלטען אויסזעהן, אז זיינע שיווע האר זיינען געווען ווי בעדעקט מיט פראסט (רייף, כפור). איהם און זיין פרוי האבען אללע אבגעגעבען גרויס כבוד. פון אנגעסען האב איך זיך דערוואוסט, אז מ-ר העגרי ספאיקער איז א מין פראקוראר און ער האט גרויסע בעקאנטשאפט אין גאסודארסטווענייע קאנטראשטייסטווא.

צווישען די געסט האט זיך געפונגען אוריה גיפפ, געקליידעט אין שווארצען פון קאפ ביז די פיס, זיין געוואהנליכער דערשלאגענע מינע האט אויסגעוויזען ווי קנעכטיש. איך האב איהם געגעבען די האנד און האב געהאט דעם פערגניגען אויסהערען, ווי ער האט זיך מיר אויסגעגאסען אין דאנקבארקייט פאר מיין געגייגטע פריינדשאפט. נור מיר וואלט געווען פיעל אנגענעהמער, ווען ער זאלל מיר די דאנקבארקייט ניט ארויס זאגען, ווייל ער האט זיך ארום מיר געדרייט א גאנצען אבענד און ווען איך האב גערעדט מיט אנגעסען האבען זיינע אונפערפערברעממטע אויגען און זיין בלייכע, טוידטע געזיכט ארויסגעקוקט, ווי א ערשיינונג פון ווינקעל און געהיט אונזער יעדען קעהר און דיהר.

די איבריגע געסט זיינען מיר אויך ניט איבריג געוועזן געפאללען. איין גאסט נור האט מיך פעראינטערעסירט, נאך איידער ער איז אריין געקומען: צו מיין גרויס וואונדער, איז דער דיענער אריין און ארויסגערעדט א נאמען, מ-ר טראדעלס. אין מארך איז מיר ארויסגעשוואומען, די צייט וואס איך האב פערבראכט אין סאלעמער פאנסיאן. קאנן דאס זיין, האב איך געטראכט, אז דאס איז טאממי, דער זעלבער טאממי, וואס האט נאך יעדער קלעמעניש געמאהלט סקעלעטען?

איך האב אויף איהם געקוקט מיט נייגיער, ווען ער איז אריין אין צימער. ער איז געווען א יונגער מאן, בעשיידען, סאליד און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין קאמישע פריטשאסקע און עטוואס ארויסגעשפארטע אויגען, נור איך האב איהם ווינציג געקאנט בעטראכטען, ווייל ער האט זיך גלייך פערשטופט ערגעץ אין א ווינקעל. באלד אבער האב איך איהם אבגעזוכט און גענוממען בעטראכטען זיינע געזיכטסציגע: אויב די ריאה נארט מיך ניט, איז דאס דער זעלבער נוטער און אונגליקליכער טאממי, וועלכען איך האב געקאנט אין פאנסיאן.

איך בין צוגעגאנגען צו מ-ר אוטערברוק און געזאגט, אז מיר דוכט, דאס איך האב דעם פערגניגען זעהן דא מיינען א בעקאנטען פון שוהל.

— טאקע? האט מ-ר אוטערברוק אויסגעשריען איבערראשט. — איר זייט אזוי יונג און איך צווייפעל, אויב איר האט געלערענט מיט מ-ר העגרי ספאיקער אין איין שוהל.

— ניט איהם מיין איך האב איך געאנטפערט, נור איך מיין דעם דזשענטלמען, וואס טראגט די פאמיליע-טראדעלס.

— אזוי, אזוי. עס קאנן נבייליך זיין! האט ער שוין געאנטפערט קאלט.

— אויב דאס איז ער נור, האב איך געזאגט, א קוק געבענדיג אויף טראדעלס׳ן, האבען מיר ביידע געלערנט אין סאלמער פאנסיאן: ער איז געוועזן א גוטער חבר.

— א, יע. טראדעלס איז א גוטער, האט אויטערבּרוך געאנטפערט מיט א טאן פון א בעל רחמים.

— דאס איז א וואונדערבארע בעגעגעניש, האב איך געזאגט.

— א, יע, א וואונדערבארע בעגעגעניש, האט דער בעל הבית געאנטפערט, ס׳איז נאך מער צו בעוואונדערען, ווייל טראדעלס׳ן האט מען געבעטען ניט פריהר ווי היינט אין דער פריה: ביים טיש איז געבליבען א ליידיגעס ארט, ווייל מ–ס ספּיאקערס ברודער האט צו ליעב קראנקהייט ניט געקאנט קומען. איך קאנן אייך זאגען, מ–ר קאפּפּערפילד, אז דער ברודער איז א וואהרער בריטאנישער דשענטלמען.

איך האב גערן איינגעשטימט מיט דעם מיינונג, זאנאר דאס ערשטע מאל האב איך געהאט דעם פערגניגען צו הערען, אז אויף דער וועלט געפינט זיך רוהמווירדיגער דשענטלמען. דערנאך האב איך געפרעגט דעם ווירט, מיט וואס בעשעפטיגט זיך טראדעלס?

— טראדעלס, האט מ–ר אויטערבּרוק געאנטפערט, פערפערטיגט זיך זיין א-נ-אדוואקאט; ער איז א גוטער יונגער מאנן, אין דעם איז גאר קיין ספק ניטא: ער טהוט קיינעם קיין היזק ניט, סיידען זיך אליין.

— ווי אזוי?

— מ–ר טראדעלס איז זיך אליין דער ערנסטער שונא, האט דער ווירט געאנטפערט, שפּיעלענדיג מיט׳ן קייטעל פון זייגער מיט א צופריעדענעם שמייכעל.— ער געהערט צו יענעם צאהל מענשען, וועלכע פערצאממען זיך אליין דעם וועג, דאס טרעפט אויף דער וועלט. איך בין זיכער, אז ער, למשל, וועט קיין מאל ניט קאנען צונויפקלייבען א קאפּיטאל פון פינף הונדערט פונט. טראדעלס האט צו מיר געהאט א רעקאמענדאציע פון מיינעם, א חבר. יע, געוויסס. ער האט פייהיגקייטען, זיכער: ער שרייבט בריעף ניט שלעכט. ער ערקלאהרט א דיעלא דייטליך, פערשטאנדליך. מען וועט איהם דארפען זעהן פערזארגען; אין א יאר ארום וועל איך איהם רעקאמאנדירען א שטעלל, א גוטע שטעלל פאר אזא מענשען, יע, א גוטע.

איך האב איהם אנגעקוקט פערוואונדערט מיט וואס פאר א צופריעדענעם טאן ער האט גערעדט. מ–ר אויטערבּרוק איז ניט געבוירען געווארען אין קיין האמדל און ס׳האט גערוכט, אז ער האט ניט געקאנט האפען אויף א קניפּ אין באקעל פונ׳ם מזל. ער האט זיין קאריערע אנגעהייבען פון די סאמע אונטערשטע טרעפּ און איהם האט געלונגען ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ארויף קאראבקען זיך

אויף'ן סאמע שפיץ פון אדמיניסטראטיוועזן לייטער. דערפאר האט איצט מ-ר אויטערברוק געקוקט אויף אלעמען פון דער הויך מיט די אויגען פון א פראקטישען פהילאזאף און א טיעפזיניגען פאטראן (בעשיצער), וואס איז ביי זיך שטאלץ און פערדריסען, דאך זאגט ער ניט אב דעם שוואכען אין א טובה.

מיינע רעיונות האבען געהאלטען אין מיט'ן ארבייט, ווען דער דיענער איז אריין און געזאגט, אז דער מיטטאג איז פארטיג. די גאסט זיינען אריין אין עסס-צימער. איך, טראדדעלס און גיפס זיינען געגאנגען הינטער אלעמען. טראדדעלס איז געוועזן מלא שמחה פון אונזער בעגעגעניש.

ביים טיש האט זיך מ-ר גולפידשז און מ-ר ספאיקער געהאלטען פון דערווייטענס פון די איבריגע גאסט, זיי האבען ביידע פערציייגען א סוד-שמועס, כדי איבערראשען אונז. אין געשפרעך האבען זיי קיין נאמען ניט דערמאנט, נור געערדט מיט ראשי תיבות פון די נאמען, נור מ-ר אויטערברוק איז געוועזן גליקליך האטשע דערמיט, וואס ביי זיין טיש האט מען דערמאנט די ראשי תיבות פון די גרעסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס.

נאך מיטטאג, אז מען האט זיך אויפגעהייבען פון טיש, בין איך צו געגאנגען צו אגנעסען און מיט שמחה פארגעשטעללט פאר איהר מיין חבר טראדדעלס'ן, וואס איז איצט נאך אויך געוועזן, ווי א מאל, שעמעדיג, נור מיט איהם איז געוועזן אנגענעהם פערברייגען די צייט. צום אונגליק אבער, האט ער ניט געקאנט מיט אונז פערבלייבען, ווייל מארגען האט ער געהאט א רייזע אויף א גאנצען מאנאט. דאריבער האבען מיר זיך ניט געקאנט דורכריידען, ווי מיר האבען געוואלט, נור מיר האבען געגעבען איינער דעם צווייטען אונזערע אדרעסען און צוגעזאגט זעהן זיך ביי דער ערשטער מעגליכקייט. טראדדעלס האט מיט פערגניגען אויסגעהערט, אז איך האב ווייטער בעניייעט מיין בעקאנטשאפט מיט סטירפארס'ן, ער האט וועגען איהם גערעדט מיט אזא היטץ, אז איך האב איהם געלאזט איבער ריידען א צווייטען מאל אלס, וואס ער דיינקט וועגען איהם. אגנעסא האט אויף מיך א קוק געטאן מיט א רחמנות-געפיהל און האט נור א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, ווען טראדדעלס האט געענדיגט ריידען.

ווען מיר זיינען געבליבען אליין, האט מיר אגנעסע געזאגט, אז זי פערבלייבט דא נאך עטליכע טאג און דערנאך פאהרט זי אהיים. די בשורה האט מיך געפרייהט, ווייל דא האט זי זיך געפונען אין א קרייז פון מענשען, צו וועלכע זי קאנן ניט פיהלען קיין סימפאטהי; נור פון דער צווייטער זייט, איז מיר געווארען אומעדיג ביים געדאנק, אז מיר דארפען זיך באלד שיידען. צו ליעב דעם בין איך פערבליבען ביז אללע גאסט זיינען צוגאנגען. ריידען מיט אגנעסא, הערען איהר זינגען און שפיעלען, וואלט פאר מיר הייסען דערמאנען מיט שמחה מיין גליקליכען לעבען ביי איהר פאטער אין הויז; און איך וואלט מיט'ן גרעסטען

פערגניגען

פערגניגען געזעססען מיט איהר ביז האלבע נאכט, נור ווען די גלאוונע ליכט, וואס האבען בעלויכט מ-ר אויטערברוקס געזעללשאפט, האבען זיך גענוממען אויסלעשען איינע נאך דער צווייטע, האב איך שוין ניט געקאנט זיצען לאנגער און איך האב געמוזט נעמען דעם הוט און גייהן צו זיך א היים. אין דער מינוט האב איך געפיהלט, אז אגנעסא איז אין דער ווירקליכקייט מיין גוטער מלאך.

איך האב געזאגט, אז אללע גאסט זיינען צוגאנגען, נור אין דעם צאהל גייט ניט אריין מ-ר אוריה גיפס, וועלכער איז דעם גאנצען אבענד פון אונז ניט אבגעטראטען און געדרייהט זיך ארום אונז ווי א שלעכטער גייסט. ער איז מיר נאך געגאנגען, ווען איך בין אראב פון די טרעפ און איז מיר נאך געגאנגען אין גאס. אניאגענדיג מיך, האט ער גענוממען מיט סטאראניע ארויף ציהען אויף זיינע ביינינע האנד די האנדשוה.

פערשטייט זיך, אז איך האב געהאט א קנאפען חשק פערציהען מיט איהם א געשפראך, נור דערמאנענדיג זיך, וואס אגנעסא האט מיך געבעטען, האב איך איהם פערבעטען צו זיך אויף א גלאז קאווע.

– א, ווירקליך, מאסטער קאפפערפילד, האט אוריה גיפס געזאגט – ... ביטטע אום פערצייהונג, סער איך האב בעדארפט זאגען מיסטער קאפפערפילד, נור די אמאליגע רגילות, מאסטער... פערצייהעט, מ-ר קאפפערפילד... איך וואלט ניט וועללען, איר זאללט זיך בעאונרוהיגען ביי זיך אין הויז פון דעם געגענווארט פון אזא קליין מענשעל, ווי איך.

– דא וועט קיין אונרוהיגקייט ניט זיין, האב איך געאנטפערט. – איר ווילט אריין צו מיר?

– א, איך וואלט זייער וועללען! האט אוריה געאנטפערט מיט א האדקע מינע.

– נו טא קוממט.

איך בין ניט וויללענדיג געווען מיט איהם טרוקען, נור אוריה האט אויף דעם ניט געקוקט. מיר זיינען געגאנגען מיט'ן קירצסטען וועג און האבען כמעט ווי ניט גערעדט. דעם גאנצען וועג האט ער אלס ארויפגעצויגען זיינע האנדשוה און ער האט די ארבייט ניט געהאט געענדיגט, ווען מיר זיינען געקוממען צו דער טהיר פון מיין הויז.

איך האב איהם געפיהרט איבער'ן פינסטערן טרעפ און פערהיט איהם, ער זאלל גיין פארזיכטיג; נור זיין פייכטע און קאלטע האנד איז געווען אזוי ווייט אהנליך אויף א נאסע שזאבע, אז ניט איין מאל בין איך ביי געשטאנען ביים נסיון ניט א שטוים טהון איהם און אנטלויפען. נור אגנעסא'ס ביטטע און דרך ארץ פאר גאסט האבען מיך ניט דערלאזט צו אזא זאך, און איך האב אוריה'ן אריין געפיהרט צו זיך אין צימער. ווען מען האט אנגעצונדען ליכט איז ער געווע,

אויסער זיך פון שמחה ביים בליק אויף'ן צימער, וואס האט זיך פארגעשטעלט פאר זיינע שלאפלאזע אויגען. איך האב גענומען קאכען קאווע אין א בלעכענע כלי, וואס האט געזאלט דיענען פאר א קאנדעלע צום אויפקאכען וואסער צום ראזירען (גאלען); נור מ—ס קראפ האט דאס קאנדעלע געמאכט פאר א קאפייניק, ווייל זי האט געפונען, אז דער אמת'ער פאטענטנער קאפייניק, וואס איז אזוי געשטאנען אין טשולאן, איז צו גוט און טהייער פאר אזא זאך. ווען אוריה האט דער זעהן דאס בלעכעל איז ער געווארען אזוי ענטציקט, אז איך האב זיך קוים איינגעהאלטען ניט אבגיסען איהם מיט קאכעדיגען וואסער.

— אח, מאסטער קאפפערפילד, דאס הייסט, פערצייהעט, מיסטער קאפפערפילד, האט אוריה אנגעהייבען, — האט מיר גאר געקאנט ארויף אויף'ן רעיון, אז איר וועט מיך בעעהרען מיט אייערען א וויזיט? דאס קארטעל, וואס איר האט ביי מיר איבערגעלאזט, איז ביי מיר דער טהייערשטער משכון, מאסטער... דאס הייסט מ—ר קאפפערפילד. יע. א צייט צו א צייט איז ניט גלייך. אט מיט מיר נאך אייער אבפאהרען, האבען פאסירט א זעלכע זאכען, וועגען וועלכע איך, א שטילל, קליין מענשעלע האב ניט געוואגט אפילו צו חלום'ען. דאס איז אין דער ווירקליכקייט א ברכה פון גאט. איך דיינק. אז איר האט שוין עפעס געמוזט הערען וועגען דעם, וואס מיינע אומשטאנדע האבען זיך געאנדערט, מאסטער קאפפערפילד... דאס הייסט מ—ר קאפפערפילד, וויל איך זאגען.

ער איז געזעסען איינגעקארטשעט, צונויפגעדרייט אויף מיין זאפע און געמישט מיט'ן לאפפעלע די קאווע, וואס ער האט געהאלטען צווישען זיינע לאנגע קניע, דאביי איז זיין הוט און האנדשוה געלעגען אויף דער פאדלאגע נעבען איהם. זיינע רויטע אויגען אהן ברעמען האבען אר'ים געשאסען, האט געדוכט, א העללען פלאם, פון וועלכע זיינען פערברענט געווארען זיינע ברעמען. זיי זיינען געווען אויסגעשטעללט גלייך אויף מיין געזיכט, נור אזוי, אז ס'האט געדוכט, אז ער קוקט גאר ניט אויף מיך. ער האט געבלאזט מיט די נאזלאכער ווי מיט א בלאזאק און מיט דער גאנצען קערפער פון קין—באק ביז די שטיוועל האט ער געמאכט שלאנג—גרימאסען. מיט איין ווארט, העסליכער פון אוריה'ן אין דער פאזע האט גאר ניט געקאנט געבען און דא איז מיר דאס ערשטע מאל ארויף אויף'ן געדאנק, ווי פיינד איך האב דעם מענשען. ס'קאן גרייליך זיין, אז מיין האס צו איהם האט זיך ארויסגעוויזען אפפען אויף מיין געזיכט, ווייל איך בין נאך געווען זייער יונג און בין ניט געווען געוואהנט מאסקירען מיינע געפיהלען.

— איר האט שוין געמוזט עפעס הערען וועגען דעם פעראנדערונג אין מיינע אומשטאנדע, מאסטער קאפפערפילד... דאס הייסט מ—ר קאפפערפילד, האב איך געוואלט זאגען, האט אוריה בעמערקט.

— יָע. אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעהֶערְט, הָאבּ אִיךְ גֶעאֶנְטְפֶערְט.

— אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶערֶעכֶענְט, סֶער, הָאט אוּרִיָה גֶעזָאגְט רוּהִיג. — מִיסס אַגְנֶעסַא דַארְף עֶטְוָואס וִויסֶען פוּן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידֶען, וָואס זִי וֵויס דֶערְפוּן, אָ, אִיךְ דַאנְק אַייךְ, מַאסְטֶער.... דָאס הֵייסְט, מ-ר קָאפְּפֶּערְפִילְד.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ שְׁפַּאלְטֶען אִיהם דֶעם מוֹחַ מִיטְ'ן קַאפּוּל, וָועלְכֶע אִיז דָא גְרַאדֶע גֶעלֶעגֶען אוֹיף דֶער פָּאדְלָאגֶע, אַזוֹי בִּין אִיךְ אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיסְפֵּייעֶט אוֹיספָּארְשֶׁען בַּיי מִיר דִי וֶוערְטֶער, וָואס אַגְנֶעסַא הָאט מִיר גֶעזָאגְט! נוּר אִיךְ הָאבּ דֶעם כַּעַס גֶעשְׁטִילְט אוּנ גֶענוּמֶען וַוייטֶער טְרִינְקֶען רוּהִיג מַיינֶע קַאוֶוע.

— וָואס פַאר אַ נָבִיא אִיר זַייט גֶעוֶוען, מ-ר קָאפְּפֶּערְפִילְד! הָאט אוּרִיָה אוֹיסגֶעשְׁרִיעֶן. — אַח, גָאט מַיינֶער, וָואס פַאר אַ נָבִיא אִיר זַייט! אִיר גֶעדֵיינְקְט, וִוי אִיר הָאט אַמָאל פָארגֶעזָאגְט, אַז ס'קָאנְן זַיין, אַז אִיךְ זָאלל מִיט דֶער צַייט אַרַיינטְרֶעטֶען אִין שׁוּתָפוּת מִיט מ-ר וִויקְפִילְד אוּנ דִי קָאנְטָאר וֶועט זַיין אוּנְטֶער אוּנְזֶער בֵּיידֶענְס פִירְמֶע: וִויקְפִילְד אוּנ גִיפּפּ? ס'קָאנְן גְרֵיילִיךְ זַיין, אַז אִיר הָאט שׁוֹין דִי וֶוערְטֶער פֶערְגֶעסֶען, מַאסְטֶער קָאפְּפֶּערְפִילְד; נוּר אַ מֶענְשׁ פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע לַאגֶע וִוי מַיינֶע הִיט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אִין דֶעם אוֹצָר פוּן זַיין הַארְצֶען, אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר עֶרְלוֹיבֶּען אַזוֹי אוֹיסדְרִיקֶען זִיךְ.

— אִיךְ גֶעדֵיינְק, וָואס אִיךְ הָאבּ דַאמָאלְס גֶעזָאגְט, נוּר אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹדֶה, אַז אִיךְ הָאבּ עֶס דַאמָאלְס גֶערֶעכֶענְט פַאר אוּנְמֶעגְלִיךְ,

— אַח, גָאט מַיינֶער, מ-ר קָאפְּפֶּערְפִילְד, וֶוער הָאט עֶס דַאמָאלְס גֶעקָאנְט רֶעכֶענֶען פַאר מֶעגְלִיךְ! הָאט אוּרִיָה אוּנְטֶערְגֶעחַאפְּט מִיט אַ יוֹם-טוֹב-דִיג קוֹל. אִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאבּ אִין דֶעם נִיט גֶעגְלוֹיבְּט. אִיךְ גֶעדֵיינְק, וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ דַאמָאלְס גֶעאֶנְטְפֶערְט, אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִיכְטִיג, זֵייעֶר שְׁפֶּלְדִיג פַאר אַזַא זַאךְ. אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזָאגְט פוּן רֵיינֶען הַארְצֶען, מ-ר קָאפְּפֶּערְפִילְד.

אוּנ זַיין גֶעזִיכְט אָנְשְׁטָאדְט אַ שְׁמֵייכֶעל הָאט זִיךְ פֶּערְדֶעקְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע קְנֵייטְשֶׁען.

— וָואס זָאלל מֶען טְהוּן, מַאסְטֶער קָאפְּפֶּערְפִילְד? ס'וַוייזְט אוֹיס, אַז אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַ מָאל קָאנֶען גָאר נִיכְטִיגֶע מֶענְשֶׁעלַאךְ זַיין שְׁלוּחִים פוּן גוּטֶע זַאכֶען. אִיךְ בִּין פַאר מ-ר וִויקְפִילְדְ'ן גֶעוֶוען אַ שָׁלִיחַ פוּן אַ גוּטֶע זַאךְ—אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוּנ גֶעוִויסס וֶועלל אִיךְ נָאךְ זַיין. עֶר אִיז, וִוי אִיר קָאנְט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלֶען, דֶער בֶּעסְטֶער מֶענְשׁ, נוּר ס'אִיז צוּ בֶּעוואוּנְדֶערֶען, וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּנְפָארְזִיכְטִיג דִי לֶעצְטֶע צַייט.

שַׁאדֶע, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אוּנ נָאךְ אַ קוּרְצֶער פּוֹיזֶע הָאבּ אִיךְ שַׁארְף צוּגֶעגֶעבֶּען: שַׁאדֶע אִין אַללֶע הִינְזִיכְטֶען.

— יע, ריכטיג אזוי, מ־ר קאפפערפילד! האט אוריה אונטערגעכאפט. שאדע אין אללע הינזיכטען, ווי איר האט געזאגט, איבערהויפט וואס ס׳בעלאנגט אן אגנעסא. איר האט געוויסס פערגעסען אייערע ווארטער, מאסטער קאפפערפילד; נור איך געדיינק, ווי איר האט א מאל געזאגט, אז אללע דארפען ליעבען אגנעסא׳ן אונ ווי איך האב אייך דאמאלס געדאנקט דערפאר. איר האט שוין, אהן א ספק, פערגעססען, מ־ר קאפפערפילד.

— ניין, איך האב ניט פערגעססען, האב איך געאנטפערט טרוקען.

— אח, ווי איך בין צופריעדען, וואס איר האט ניט פערגעססען! האט אויסגעשריען אוריה. — וואס פאר א גליק איז פארשטעללען זיך, אז איר זייט דער ערשטער, וואס האט אנגעצונדען א פונק פון עהרענליעבע אין מיין עניוותדיג הארץ, אונ אז איר דיינקט עס אין אזוי פיעל יאר ארום!... ערלויבט מיר בעטען נאך א גלאז קאווע.

איך האב אנגעצונדען א פונק עהרענליבע ביי איהם אין הארצען!.... ווען ער האט ארויס גערעדט די טייפעלישע פראזע, האט זיך אין זיינע אויגען אנגעצונדען אזא העללישׁ פייער, אז ניט ווילענדיג האב איך זיך א הייב געטאן פון ארט. נור אוריה האט איינגעהאלטען מיין צארן, בעטענדיג מיט זיין געוואהנליכען קול א גלאז קאווע. איך האב געהיילט אנגיססען איהם פון קאנדיל, דאביי האבען מיר די האנד געציטערט אונ דאס הארץ האט מיר שטארק געקלאפט. איך האב געזעהן, אז פיהרען א מלחמה מיט דעם מענשען איז ווייט ניט נאך מיין כח, אונ איך האב זיך בעשלאססען ווארטען, צו וואס וועט אונז ברייגגען אונזער ווייטערדיג געשפראך. אוריה, פערשטייט זיך, האט בעמערקט מיין צוקאכטקייט.

מער האט ער ניט גערעדט. ער האט געמישט די קאווע, געזופט, געטאפט דעם קינ־באק, געמאכט מינעס, געבלאזען זיך, געשאפעט אונ געצאפעלט זיך ווי א שלאנג; נור קיין זילבע האט זיך ניט אבגעריססען פון זיין צונג. ער האט געווארט, איך זאלל בעגייען דאס געשפראך.

— ס׳קוממט אויס, אז מ־ר וויקפילד, וואס איז טויזענד מאל ווירדיגער פון אייך... אדער מיך, האב איך ענדליך געזאגט, פיהלענדיג א שרעקליכע האס, נור לפנים וועגען שטעלענדיג זיך אין פאראללעל מיט דעם מענשען — אז מ־ר וויקפילד האט זיך געפיהרט אונפארזיכטיג אין דער לעצטע צייט. אזוי, מ־ר גיפפ?

— יע, זייער אונפארזיכטיג מאסטער קאפפערפילד, האט אוריה געאנטפערט מיט א טיעפען קרעכץ: — זייער, זייער אונפארזיכטיג. נור טהוט מיר א טובה ונ רופט מיך פראסט אוריה. דאס וועט מיר דערמאננען די גליקליכע, אלטע צייט.

— גוט. אוריה, זאלל זיין אוריה, אויב אייך געפאללט.

— א, איך דאנק אייך! האט ער געאנטפערט ענטציקט. —איך דאנק אייך יער, מאסטער קאפפערפילד! אט ווי איר האט נור מיך אנגערופען ביי מיין

פשוטען נאמען האט אויף מיך א בלאז געטאן דער וואוילגרוך פון זעפיר אדער ווי איך וואלט הערען די גלאק קלינגען אין מיין געבורטסארט. פערצייהעט, דוכט זיך, איך האב עפעס געזאגט.

— איר האט גערעדט וועגען מ—ר וויקפילד.

— וועגען איהם, יע, ריכטיג אזוי, איך בעט אום פערצייהונג. אה, ער האט זיך געפיהרט זייער ניט קלוג, מאסטער קאפפערפילד. וועגען דעם קאנן איך נור ריידען מיט אייך, איז דאס נור פון אייבען. ווען אין דער לעצטע צייט זאלל א צווייטער זיין אויף מיין ארט, וואלט מ—ר וויקפילד (איר קאנט זיך גאר ניט פארשטעללען, וואס פאר א חשובער מענש ער איז!) געוועזען צוטראטען פון יענעמס פיס. ער וואלט געוועזען צו-טרא-טען, האט אוריה איבער געחזרט לאנגזאם און מיט אבשטעללונגען, צוקלאפענדיג מיט'ן קולאק אן טיש.

און דער טיש האט זיך א טרייסעל געטאן. ווען אין דער מינוט זאלל דער אונגליקליכער מ—ר וויקפילד טאקע ליגען אונטער זיינע פיס, וואלט איך דאמאלס אויך ניט געקאנט מער האסען אוריה'ן.

— אַיע, מאסטער קאפפערפילד, האט ער געזאגט מיט א חניפה קול, וואס איז געוועזען דער היפך פון זיינע חיה'שע תנועות, — אין דעם איז גאר קיין שום צווייפעל ניטא. ווען איך זאלל ניט זיין אין קאנטאר, וואלט מ—ר וויקפילד פערלארען זיין גוט, זיין נאמען און איך ווייס אלליין ניט, וואס מיט איהם וואלט געווארען. ער אלליין ווייס דאס גאנץ גוט. נור איך האב איהם געדיענט טריי, מיט אמת און דאס האט איהם געראטעוועט פון אונגליק. דערפאר, זעהט איר שטעללט מיך איצט מ—ר וויקפילד אויף אזא הויכקייט, וועגען וועלכע איך האב אפילו ניט געוואגט צו פאנטאזירען. א, ווי דאנקבאר איך בין איהם! מיין הארץ איז ניט קיין שטיין, מאסטער קאפפערפילד: איך דארף עס אלץ פיהלען.

ביי די ווארטער האט ער אבגענוממען די האנד פון טיש און פערטראכט צוגעשטעללט זיינע דארע פינגער צום קין-באק, דאביי האבען זיך זיינע רויטע אויגען געווענדט צו מיר.

איך געדיינק זייער גוט, מיט וואס פאר א כעס האט מיין הארץ גענוממען קלאפען, ווען איך האב א קוק געטאן אויף זיין ליסטיגע געזיכט, וועלכעס האט געברענט ווי א פייער. אוריה גיפפ האט זיך צוגעקליבען ענטדעקען פאר מיר נאך נייעס.

— מאסטער קאפפערפילד... האט ער אנגעהייבען, — נור, מיר דוכט אז איך פארהאלט אייך, סער?

—ניין איך לייג זיך שלאפען שפעט.

— א, איך דאנק אייך, מאסטער קאפפערפילד! איך האב אנגעהויבען ביסלעכווייס ארויסגיין פון מיין נידריגע לאגע, צייט איך האב געהאט די עהרע

בעקאנגען זיך מיט אייך; נור דאך בין איך נאך אלס זייער קליין, איר ווייסט עס און אנדערש קאנן איך וועגען זיך ניט דיינקען, מאסטער קאפפערפילד. נור איך פערהאף, אז איר וועט ניט אנדערען אייער מיינונג וועגען מיר, אויב איך וועלל אייך ענטדעקען מיינעם א סוד. ניט אזוי, מאסטער קאפפערפילד?

— איך וועלל אייערע סודות קיינעם ניט ארויס געבען. רעדט.

— א, איך דאנק אייך... איך דאנק אייך זייער!

ער האט ארויסגענוממען פון קעשענע א טיכעל און גענוממען אויסווישען זיינע דאלאניעס.

די מעשה איז אזוי, מ-ר קאפפערפילד. — מיסס אגנעסא...

— נו? וואס, אוריה?

— אח, וואס פאר א נחת איז צוהערען, ווי איר רופט מיך ווייטער אוריה! האט ער אויסגעשריען, דאך האב איך בעמערקט, ווי ער האט זיך פיעבעריש א צאפעל געטאן. איר האט, דוכט זיך, בעמערקט, אז מיסס אגנעסא האט היינט אויסגעזעהן זייער גוט: ניט אזוי, מ-ר קאפפערפילד?

— מיסס אגנעסא איז רייצענד-שאן היינט און אללע מאל, האב איך געאנטפערט. זי איז האבער פאר אללעמען, וואס גייען ארום איהר.

— א, איך דאנק אייך, מאסטער קאפפערפילד! איר האט געזאגט דעם ריינעם אמת. א, איך דאנק אייך זייער דערפאר.

— מיר דוכט, אז ס'איז ניטא פאר וואס צו דאנקען, האב איך געזאגט מיט א בייזען טאן. — אומזיסט נעמט איר אויף זיך די מיה, אוריה, דאנקען מיך.

ער האט ווייטער אויסגעריבען מיט'ן טיכעל די דאלאניעס, א קוק געטאן אויף זיי, און דערנאך א קוק געטאן אויף'ן קאמין.

— ניין, מאסטער קאפפערפילד, זאגט עס ניט... ניט אומזיסט, מאסטער קאפפערפילד, אויב איר וועט נור ערלויבען פערטרויען אייך מיין סוד. איך בין א פשוטער מענש, מיין מוטער איז אויך א פשוטע פרויענצימער און מיר וואהנען אין א ארימע שטיבעל; נור אללע ווייסען, אז מיר זיינען ארדענטליכע מענשען, און דאריבער, ניט קוקענדיג אויף אונזער קלייניקייט... אח, מאסטער קאפפערפילד, איך פערהאף, אז איר וועט ניט בענוצען צו שלעכטס מיין אפפענהערציגקייט. דאס הארץ בעט זיך ביי מיר ענטדעקען זיך אייך אין אלם. פון דער זעלבע מינוט, וואס איר זייט דאס ערשטע מאל צוגעפאהרען צו אונז מיט מיסס בעטסי אין קאבריאלעט האב איך דערפיהלט, ווי דאס הארץ רייסט מיר זיין מיט אייך אפפענהערציג. ביי גאט!...

ער האט ווייטער אויסגעריבען די דאלאניעס, ארויס געלאזט א טיעפען זיפץ און געזאגט:

— יע, מאסטער קאפפערפילד, אגנעסא'ס בילד לעבט די גאנצע צייט ביי

מיר

מיר אין הארצען. אָ, ווען איר זאָלט וויסען, וואס פאר א רייניע ליעבע איך פיהל צו דער ערד, איבער וועלכע גייט מיין אנגעסא!

מיר דוכט, אז אין דער מינוט בין איך געוועזן גרויט אראב פון זינען און דער ערשטער געדאנק פון מיין צוקאָכטען מארך איז געוועזן ארויסהאפּען די אָנגעברענטע קאָטשערע פון קאמין און צושפּאלטען דעם טויגעניכטס דען מוח. נור דער געדאנק איז מיר ארויסגעשפּרונגען פון קאָפּ מיט דער פלינקייט פון א קויל, וואס לויפט ארויס פון ביקס. אנגעסא'ס בילד, וואס איז בעליידיגט מיט די רעיונות פון דעם געלען שרץ, האט מיר א שוועב געטאָן פאר די אויגען און אָבגעהאלטען מיין משוגענעם כעס. אוריה איז דערווייל געזעסען אויף דער זאפע צוזויפגעדרייט און איינגעבויגען און מיר האט געדוכט, אז ער איז אויסגעוואקסען ווי א ריעז און דער גאנצער זאל איז פולל מיט'ן עבא (הד) פון זיין קול. דערביי, איך ווייס ניט פאר וואס, איז ביי מיר געבוירען געוואָרען א מחשבה, אז דאס האט פּאסירט לאנג און איך האב שוין לאנג געדאַרפט וויסען אללע דעטאַליען פון אוריה'ס פּלאן.

אריין קוקענדיג גוט אין זיין געזיכט, האב איך בעמערקט, אז ער איז זיכער אין זיין עזות'דיג פּלאן און אין זיינע כחות. דאס האט מיר ווייטער ארויף געבראכט אויף'ן רעיון, וואס אנגעסא האט מיר געבעטען. בערוהיגענדיג זיך ביסלעכווייס, האב איך געפרעגט מיט א שטייפען קול.

— האט איר אנגעסא'ן דערצאהלט פון דעם?

— אָ, ניין, מאסטער קאפּפּערפילד! האט ער געענטפערט, — ניין ווי אזוי! ביז איצט ווייס נאך קיינער ניט, פון דעם, א חוץ אייך. איך האב זיך דאך ניט לאנג אָנגעהייבען אויפהייבען זיך פון מיין נידריגע לאגע. מיין גאנצע האפנונג איז נור געגרינדעט אויף דעם, אז מיסס אנגעסא וועט מיט איהרע איינענע אויגען זעהן, ווי וויכטיג נויטהיג איך בין פאר איהר פאטער, ווייל אָהן מיר, פערשטייט איר מיך, וואָלט ער געוויסס פערטונגליקט געוואָרען. זי איז דאך איבער געגעבען דער פאטער, ווי אייך איז בעוואוסט, מיט לייב און לעבען — גאט מיינער! ווי פיין איז, אז א קינד איז איבערגעגעבען דעם פאטער! אט צו ליעב דעם טאקע וואנג איך צו האָפען, אז מיסס אנגעסא וועט אויף מיך א געניינטען בליק טהון.

איך האב איצט געהאפּט ווי טיעף דער קאנאליע האט אויסגעארבייט זיין פּלאן און ערשט פערשטאנען, פאר וואס דערצאהלט ער עס מיר.

— אויב איר וועט דעם סוד בעהאלטען, מאסטער קאפּפּערפילד, האט אוריה ווייטער גערעדט, — און איר וועט מיר ניט טהון קיין צו להכעיס, וועלל איך עס רעכענען פאר א גרויסע טובה פון אייער זייט. איר וועט, זיכער, ניט וועלען מיט א כיון פערשאפען מיר אונאנגענעהמליכקייט, ווייל איר האט זייער א גוטע הארץ; נור האבענדיג אין זינן מיין פריהערדיגע קליינקייט (האטשע אין אמת'ן בין

איך נאך איצט אויך זייער קליין), קאנט איר, אלליין ניט צו וויססען, שאדען מיר מיט אייער נאהענטע בעקאנטשאפט מיט מיין אנגעסא׳ן. איר זעהט, מאסטער קאפפערפילד, אז איך רוף איהר שוין מיינע, אין דעם זינן ווי עס זינגט זיך אין א ליעדעל:

„פון גאלד אונ זילבער זאג איך זיך אב,
נור רופען איהר מיינע״.

— דאס איז אמת, מאסטער קאפפערפילד, אז פאר קיינע אוצרות וועלל איך ניט פערבייטען מיין אנגעסא׳ן.

ארימע אנגעסא! צו דען האט דיר די נאטור בעגאבט מיט אזעלכע פאלקאממענהייטען, כדי אבגעבען זיי אזא אויסוואורף, וואס האט ניט קיין רעכט טראגען אויף זיך דען נאמען מענש?! ניין, דאס קאנן ניט זיין, דאס טאר ניט זיין.

— אמת, מאסטער קאפפערפילד, היילען זיך וועללען מיר ניט, האט אוריה ווייטער גערעדט מיט א חניפה׳דיג קול, אונ איך דערוויל זייענדיג פערטיעפט אין די מחשבות, האב פון איהם די אויגען ניט אראב גענוממען. — מיין אנגעסא איז נאך זייער יונג, אונ איך מיט דער מוטער דארפען דערוויל עפעס פערארדענען, איידער מיר וועללען זיך פעסט נעמען דערצו, קלאפאט וועט זיין גענוג. אונ איך דערוויל וועלל איר ביסלעכווייס בעקאנט מאכען מיט מיינע האפנונגען. אח, ווי צופריעדען בין איך, וואס איר ווייסט מיין סוד! איר קאנט זיך ניט פארשטעללען, וואס פאר א פערגניגען איז צו טראכטען, אז איר פערשטייט אונזער לאגע. געוויסס, מאסטער קאפפערפילד, איר וועט מיר קיין צו להכעיס ניט טהון אונ איר וועט ניט וועללען מאכען קלאטנעס אין שטוב.

ער האט גענוממען מיין האנד אין זיין שוואבישע דאלאן, האט איהר שטייף א דריק געטאן אונ דערנאך א קוק געטאן אויף זיין זייגער.

— אה, גאט מיינער, שוין צווייטע שטונדע! האט ער אויסגעשריען, ס׳איז צו בעוואונדערען, ווי גיך די צייט פליהט אין א פריינדליכען שמועס! שטעללט אייך פאר, אז עס איז שוין כמעט האלב צוויי.

— אונ איך האב געמיינט, אז ס׳איז שוין מער.

איך האב אזוי געאנטפערט, ווייל איך האב ניט געוואלט מעהר ריידען.

— אח, ווי אונאנגענעהם ס׳איז! איך בין פערפאהרען אין פאנסיאן נעבען דער נייער טייך אונ דארט שלאפט מען שוין, רעכען איך, פון א שעה צוויי. איך וועלל זיך גאר ניט דערקלאפען...

— מיר טהוט זייער לייד, האב איך געאנטפערט, — וואס איך האב נור איין בעט אונ דאריבער...

— א זאלל אייך גאר ניט אהרען פאר א בעט, מאסטער קאפפערפילד! האט

אוריה אויסגעשריען. — אויב איר וועט נור ערלויבען, וועלל איך שלאפען אויף דער פאדלאגע געבען קאמין.

— אויב אזוי, שלאפט איר אין מיין בעט אונ איך וועלל שלאפען נעבען קאמין.

נור אוריה האט זיך מיט גרויס ענייוות אבגעזאגט דערפון אונ ס'איז איהם בשום אופן ניט געווען איינצובעטען. איך האב איהם געמוזט מאכען דאס אימפראוויזירטע בעט ביים קאמין. א מאטראץ, דאס קישעלע פון זאפע, א ליילאך, א ראק, א טישטוך, סאלפעטקעס האבען געדיענט פאר בעט-צייג אונ אוריה איז געבליבען, נאך זיינע רייד, נאך מער ווי דאנקבאר דערפאר. אז די שמחה זאלל זיין פולל, האב איך איהם געגעבען מיין נאכט-מיטץ, וועלכע ער האט תיכף ארויף גערוקט אויף'ן קאפ, פון וואס זיין פיגור איז געווארען אזוי האסליך, וואס האסליכער קאנן גאר ניט געבען. ווינשענדיג איהם א גוטע נאכט, בין איך אוועק צו זיך אין צימער אונ געגעבען זיך א ווארט, קיין מאל מער ניט אנטהון די מיטץ, וואס דעקט צו אוריה'ס קאפ.

איך וועלל קיין מאל ניט פערגעססען אזא אונרוהיגע אונ שלאפלאזע נאכט אנגעסאס בילד האט זיך אללע ווייטלע געוויזען פאר מיינע אינערליכע אויגען אונ צוזאממען מיט דעם בילד פלעגט ארויס שווימען א פיגור פון א העסליכע חיה, וועלכע איז גרייט איינשלינגען די אונשולדיגע אונ ריינע געשאפף. וואס זאלל איך טהון? ווי זאלל איך איהר פערהיטען פון אזא אונגליק? בעטראכטענדיג די פראגען פון אללע זייטען, בין איך געקוממען צום שלום, אז צוואר מיר איז בעסער גאר ניט טהון אונ האלטען ביי זיך דעם סוד ביז א צייט. ווארפענדיג זיך פון איין זייט אויף'ן צווייטען, פלעג איך איינשלאפען ניט מער, ווי אויף עטליכע מינוט; נור דא האט זיך ווייטער פאר מיר געוויזען אנגעסא'ס בילד אונ איהר פאטערס; זיי האבען אויף מיך געקוקט מיט אויגען, פולל צארטקייט אונ פארוואורפע. אויפחאפענדיג זיך, האב איך זיך פארגעשטעללט אז אוריה זיצט אין מיין צימער, ווי א וואמפיר, וואס א שד האט אראבגעבראכט אויף דער ערד, ער זאלל זיך אנטרינקען מיט מענשליכען בלוט.

מיינע געדאנקען האבען זיך צונויפגעפלאנטערט, אונ מיר האט געדוכט, אז די קאטשערע איז ארויסגעפלויגען פון קאמין אונ גענוממען מיר קלאפען איבער'ן קאפ אונ אריין געקלאפט זיך אזוי ווייט, אז איך האב איהר ניט געקאנט פון דארט ארויסציהען. אויך האט מיר געדוכט, זייענדיג האלב פערשלאפען, האלב וואך, אז איך האב די אנגעברענטע קאטשערע ארויסגעשלעפט אונ מיט גרויס כעס א ווארף געטאן זיך אויף אוריה'ן אונ צודרושעט איהם דעם מוח.

איך האב געוואוסט, אז דאס איז ניט אזוי; נור דאך, זייענדיג געיאגט פון דעם רעיון, האב איך זיך אויפגעהויבען פון בעט ארויס אין צווייטען צימער א קוק טהון אויף מיין שכן. אוריה גיפפ איז געלעגען מיט'ן פנים ארויף, אויסגעצויגען אין

דער לאנג. דאס האלז האט געהריפעט שרעקליך, די נאז האט געסאפעט אהן רחמנות, אונ דאס מויל, ווי ביי א ווילדע חיה, איז געווען אפפען. אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען א סך האסליכער, א סך מעהר פערזעהעניש, אלס איך האב איהם פארגעשטעללט אין האלבען חלום, עפעס א שטארקע קראפט האט מיך אללע האלב שעה געטריבען אונ בין געגאנגען בעטראכטען איהם מיט א נייען האס אונ א נייע מורא. די נאכט האט זיך דערצו נאך געצויגען שרעקליך לאנג אונ מיר האט געדוכט, אז א דאנק אוריה'ן, וועט די זונן קיין מאל ניט אויפגייהן.

אין דער פריה איז ער פערשוואונדען געווארען אונ איז צו מיין גליק ניט פער־בליבען אויף א גלאז קאווע. מיט איהם צוזאממען איז פערשוואונדען געווארען די פינסטערקייט פון דער נאכט. אוועקגייענדיג צו מיין ארבייט אין דער דאקטארשע געמיינדע, האב איך שטרענג פערזאגט מ—ם קראפ, זי זאלל אפפענען אללע פענסטער אונ דורכלופטערען דעם גאסט–צימער, וואס איז פערזאראשזעט געווארען מיט אוריה גיפפ'ס אטהעמען.

V.

איך פאלל אריין אין פלען.

מער האב איך שוין אוריה'ן ניט געזעהן ביז אגנעסא'ס אבפאהרען; נור ווען איך בין געקוממען אין קאנטאר פון די דילישזאנסען זעגענען זיך מיט איהר, איז דא געווען אוריה גיפפ, וועלכער איז אויך געפאהרען אין דעם זעלבען וואגען אין קענטערבערי. ניט אהן פערגניגען האב איך זיך צוגעקוקט, ווי ער האט זיך געקראבבעלט אויף'ן דאך פון דילישזאנס אין א צעררוסענעם ראק דיצען דארט אויבען אונטער'ן זאנטיג ווי א הוהן אויף דער סעדעלע. נור דער פערגניגען האט מיך ניט געקאנט בעלאהנען פאר די יסורים, וואס איך האב געהאט פון אנווענדען מיינע כחות ריידען מיט איהם פריינדליך. איך פערשפאר צו זאגען, אז אגנעסא איז געזעססען אינערוויינג אין קארעטע. אוריה האט פון אונז די גאנצע צייט די אויגען ניט אראב גענוממען, אונ ער האט געחאפט יעדע זילבע, וואס איך אדער אגנעסא האבען ארויסגעבראכט.

דער סוד, וואס דער מענש האט פאר מיר ענטדעקט, איז געלעגען אין מיין הארצען ווי א שווערע משא אונ איצט זייגען מיר, ניט וויללענדיג, ארויף אויף'ן געדאנק אגנעסא'ס ווארטער, וואס זי האט מיר געזאגט, דערצאהלענדיג, אז דעם פאטערס געשאפטען אנדערען זיך: „איך האב געטאן, וואס איך האב גערעכענט פאר גערעכט. איבערצייגענדיג זיך, אז דער פאטער מוז בריינגען פון זיין זייט א קרבן, האב איך איהם געבעטען, ער זאלל דעם קרבן בריינגען". פון דער צייט, וואס די ווארטער האבען זיך איהר אויסגעריססען פון מויל, האט מיך געמוטשעט

א פארגעפיהל, אז זי איז אויך גרויט בריינגען זיך אין א קרבן פאר'ן פאטער. איך האב געוואוסט, ווי זי האט איהם געליעבט; איך האב געוואוסט, וואס א פראוויגצימער מיט אזא ליעבענדען הארץ איז פייהיג צו טהון. זי האט מיר אלליין אפפענהערציג דערצאהלט, אז זי איז, אפילו, גאר אונשולדיג, די סבה פון פאטערס פעהלערען אונ נארט זייער אבצאהלען איהם איהר חוב. געוויסס ליגט א גאנצער תהום צווישען איהר אונ דער געלע חיה, נור וואס קוממט דערפון ארויס? אין דעם קאנטראסט צווישען זיי – אז איין צד איז גרויט אויף אללע קרבנות אונ דער צווייטער אויף אללע שמוציגע אינטריגעס – איז די גאנצע סכנה. אהן א ספק האט ער דאס אלס גוט געוואוסט אונ דאס האט איהם געגעבען האפנונג, אז זיינע פאלשקייט אונ רמאות וועללען איהם בריינגען צום ציעל.

די קארטינע פון אזא שרעקליכען אפפער האט אין גאנצען געקאנט צושטערען אנגעסא'ס גליקק; נור פון אלס, וואס איך האב געזעהן ביז איצט, האב איך געשלאססען, אז זי ווייס גאר ניט פון איהר געפאהרליכען צושטאנד. ווען איך זאלל ענטדעקען אוריה'ס פלאנער, וואלט איך איהר דערמיט די גרעסטע בעליידיגונג געמאכט אונ גאר אהן א שום נוטץ פאר איהר. דעריבער האבען מיר זיך געשיידט גאר אהן ערקלעהרונגען. זי האט צו מיר געשמייכעלט פון קארעטע אונ געווינקט מיט'ן טיכעל אין דער צייט, ווען איהר בייזער דעמאן איז געזעססען אויבען אונ געדרייהט זיך אונ געקריממט זיך, פארשטעללענדיג זיך געוויסס, אז דער קרבן געפינט זיך שוין אונטער זיינע פאזורעס.

לאנג האב איך ניט געקאנט פערגעססען די סצענע פון געזעגענען. ערהאלטענדיג פון איהר א בריעף, אז זי איז געקוממען בשלום א היים. האב איך געהאט די זעלבע פיינליכע געפיהלען, וואס ביי איהר אבפאהרען. ווען איך פלעג זיך נור פערטראכטען, האב איך אלס וועגען דעם געדיינקט אונ מיין אונרוהיגקייט איז געוואכסען. אונ ווער ס'זאלל מיר ארויס שלאגען מיינע טרויריגע געדאנקען איז ניט געווען. סטירפארס איז געווען אין אקספארד אונ איך בין געווען, קוממענדיג פון דער דאקטארשע געמיינדע, איינער אלליין. אין דער צייט האב איך אנגעהייבען פערליערען מיין צוטרוי צו סטירפארס'ן, איך האב זיך זאגאר כמעט געפרייהט, וואס ער איז ניט געווען אין לאנדאן. מיר דוכט, אז איך האב מורא געהאט, ער זאלל מיר ניט שטערען מיינע געדאנקען. אגנעסא'ס ווירקונג אויף מיר איז וואס פון טאג געווארען שטארקער אונ איך האב געזארגט וועגען איהר אזוי פיעל, ווי פאר זיך.

די צייט איז דערוויל געגאנגען מיט איהר וועג אונ אין עטליכע וואכען ארום האט מען מיך געמאכט פאר א פריוויללעגירטען קלארק ביי מ–ר ספענלא אונ דשזארקינס אין קאנטאר. פון דער באבען האב איך ערהאלטען ניינציג פונט א יאהר אונ דערצו נאך א בעזונדער סוממע געלט אויף זייטיגע הוצאות. די דירה האב איך געדונגען אויף א גאנץ יאר; מיינע צימערען זיינען

געווען אומעדיג און טרויריג אין די לאנגע אבענדען, נור איך האב זיך צו געוואהנט צו דעם, ווי די אללע בחורים, וואס זיינען ניט קיין אויסטראכטער, און רוהיג געטרונקען מיינע קאווע אין א גרויסע מאאס. אין דער צייט האב איך ענטדעקט דריי זאכען: ערשטענס אז מיין ווירטהין, מ-ם קראפ האט צייטענווייס געליטען פון ספאזמעס, דאבייא פלעגט זיך איהר די נאז אנצינדען און זי פלעגט זיך היילען מיט פעפערמענט, צווייטענס אז די לופט פון מיין טשולאן האט אין זיך געהאט עפעס אזא בעזאנדערהייט, אז די קארקעס פון מיינע פלאשלאך מיט בראנפען פלעגען זיך אלליין אפענען און דערווייל פלעגט דער בראנפען ארויס, און דריטענס אז איך בין איינער אלליין אויף דער בּרייטע וועלט און איך האב געקריגען א נייע תשוקה אויסגיססען מיין הארץ אין שירים.

דעם טאג, וואס דער חודש-פרוב האט זיך געענדיגט און איך בין געווארען א פריווילעגירטער קלארק, האב איך ביי זיך אין דערהיים קיין הולאניע ניט געמאכט. איך האב זיך בענוגענט מיט דעם, וואס אין קאנטאר האב איך מיינע חברים פון געמיינדע מכבד געווען מיט וויין און פערבייסען און דערנאך אין אבענד בין איך געגאנגען אין טהעאטער. פאר'ן ארויסגיין פון קאנטאר אין יענעם אבענד, האט מיר מ-ר ספענלא ארויס געזאגט זיין וואונש, אז ער וויל זיך נאהענטער מיט מיר בעקאנען און ער וואלט געווען זייער צופריעדען, זעהן מיך ביי זיך אין הויז אין נארוויד, נור צום אונגליק, איז דארט איצט קיין זאך ניט איינגעארדענט, ווייל ער ערווארטעט זיין טאכטער, וועלכע דארף די טאג קוממען פון פאריז, וואו זי האט בעקוממען איהר בילדונג אין א פאנסיאן. ווי נור זי וועט קוממען אהיים און וועט איבער נעמען די ווירטשאפט, וועט מ-ר ספענלא האבען דעם פערגניגען פערבעטען מיך גלייך צו זיך. איך האב זיך פערנייגט און בעדאנקט פאר דעם כבוד. איך האב געוואוסט, אז ער איז א-נ-אלמן און האט א טאכטער.

מ-ר ספענלא האט געהאלטען ווארט. אין א וואך צוויי ארום האט ער צו מיר געזאגט, אז איך וועל איהם טהון א גרויסע טובה, אויב איך וועל צו איהם פערפארען דעם קינפטיגען שבת ביי נאכט און פערבלייבען ביי איהם ביז מאנטאג. פערשטייט זיך, אז איך בין געווען העכסט צופריעדען טהון אזא טובה. מ-ר ספענלא האט זיך אויסגערופען פיהרען מיך צו זיך און ברייגען צוריק אין זיין אייגענע קארעטע.

דער בעגערטער טאג איז געקוממען. מיינע קאללעגעס, די קלארקען, פאר וועלכע די נארווידער דאטשע איז געווען פערמאכט, האבען געקוקט מיט גרויס כבוד און קנאה אויף מיין רייזע-זאק. איינער האט מיר געזאגט אז ביי מ-ר ספענלא זיינען די געשיר פון זילבער און פארפאר, א צווייטער האט אנצוהערעניש געגעבען, אז ביי איהם גיסט זיך שאמפאניער ווי וואססער און סטאלאווע ביער

דערלאנגט מען נור פון פארמע וועגען. א-נ-אלטער קלארק, טיפפי, וואס איז אהין געפאהרען ניט איין מאל מכח געשאפט, איז געוועזן אזוי גליקליך, אז ער האט זוכה געוועזן צו זעהן מ-ר ספענלא'ס עסס-צימער. דאס איז געוועזן, נאך זיינע ווארטער, א פראכטפאללער זאל, וואו מען האט איהם מכבד געוועזן מיט אסט-אינדישען הערעס, וועלכע האט אין זיך געהאט אזא איינגעשאפט אז ביים ערשטען בליק אויף דעם וויין האבען זיך די אויגען צולאפען.

מ-ר ספענלא'ס פאעטאן איז געוועזן א שאנער עקיפאשו. די פערד האבען געבויגען די האלזער און געהויבען די פיס מיט אזא גאוה, פונקט זיי זאללען וויסען אז זיי געהערען צו דער דאקטארשע געמיינדע, מיר זיינען געפאהרען זייער פרייהליך, און מ-ר ספענלא האט מיר געמאכט א פאר אנמערקונג, וואס ס'בעלאנגט אן מיין אמט. נאך זיינע ווארטער איז אויסגעקומען, אז דאס איז די בעסטע פראפעסיע אין דער וועלט און מען קאנן דאס בשום אופן ניט פערגלייכען מיט געוואהנליכע אדוואקאטורע. אין דער דאקטארשע געמיינדע קוקט מען אויף אלם פון אויבען, אהן דריידליך און אהן פשטלאך און דאריבער רעכענען מיר זיך פאר א פריוויללע-גירטען קלאסס. „געוויסס, האט מ-ר ספענלא ווייטער גערעדט, - צום בעדויערען קאנן מען ניט פערלייקענען, אז מען קוקט אויף אונז מיט די זעלבע אויגען, וואס אויף געוואהנליכע אדוואקאטען, נור דאך בכלל געהערען יענע צו א נידריגען קלאסס און יעדער פראקטאר האט רעכט שטאלצירען קענען זיי".

אונזער געשפראך אויף דער טעמא האט נאך לאנג געדויערט, דערנאך האבען מיר גערעדט וועגען טהעאטר, וועגען פערד און זיינען געקוממען אין נארוויד.

מ-ר ספענלא'ס דאטשע איז געוועזן א פראכטפאללע, צום הויז איז געוועזן א שאנער גארטען און מען האט איהם געהאלטען זייער ריין. זאגאר נאך די צייט פון יאר, האט דער גארטען ניט געקאנט זיין פערצירט מיט אללע געוויכסע, דאך איז דא יעדע זאך געוועזן צויבער שאן. דא זיינען געוועזן אי אונטערגעשארענע בוימער, אי א לאנקע קעגען הויז, אי בלומען, אי געדיכטע אללעען, פערזעצט מיט זעלטענע געוויכס.

– אט דא אין שטיללע זומער-אבענדען שפאצירט איינע אלליין מיסס ספענלא, האב איך געטראכט. –אה, גאט מיינער!

מיר זיינען אריין אין הויז, וואס איז געוועזן העלל בעלויכטען. אין קארידאר האבען געהאנגען ראנדענוויים אלערליי היט, היטלען, מיטצען, ראק, פלאשצען, שינעלען, אויך זיינען דא געוועזן האנדשקעס, בייטשלאך, שטאקלאך.

– וואו איז מיסס דארא? האט מ-ר ספענלא געפרעגט ביי דער דיענערען, וואס איז אונז ארויס אנטקעגען.

— „דארא!“ האב איך מיט זיך א טראכט געטאן. — וואס פאר א פאעטישער נאמען!

מיר זיינען אריין אין א דאביי־היגען צימער, געוויס איז דאס דער זעלבער, וואס ביי מיין קאללעגע האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט'ן אלטען אסט־אינדישען וויין. עמיצער האט געזאגט:

— מ־ר קאפפערפילד, מיין טאכטער דארא, מיין טאכטערס לעהרערקע.

געוויסס איז דאס קול געוועזען מ־ר ספענלא'ס, נור איך האב ניט דערקאנט און האב זאגאר ניט געוואלט וויססען, וועמעס קול דאס איז. דאס איז געווארען אין איין אויגענבליקק, און מיין שיקזאל איז געווארען בעשלאססען. איך בין געפאנגען געווארען און פערשלאססען אין קייטען. איך האב זיך פערליעבט אין דארא ספענלא אזוי שטארק, אז איך האב געמיינט, איך גיי פון זינען אראב.

און דאך איז זי געוועזען ניט דאס, וואס א פריילען, ניט דאס, וואס א פרויענצימער־ניין! מיסס דארא ספענלא איז געוועזען א פעע, א סילפידע, עפעס ניט קיין אירדישע, א לופטוועזען, וועלכע קיינער האט קיין מאל ערגעץ ניט געזעהן. איך האב זיך גלייך אבגעטונקט אין א תהום פון ליעבע. איך האב קיין צייט ניט געהאט אבשטעללען זיך ביים ברעג, ארום קוקען זיך: איך האב זיך א ווארף געטאן מיט'ן קאפ אראב אין דעם תהום, נאך איידער איך האב אויספייעט ארוים זאגען א קלוגען ווארט, וועלכעס זאלל קאננען דיענען פאר א בעווייז, אז איך בין נאך ניט משוגע געווארען.

— איך האב שוין מ־ר קאפפערפילד'ן געזעהן א מאל, האט געזאגט א בעקאנטער קול, ווען איך האב זיך פערנייגט און א מורמעל געטאן עפעס א קאמפלימענט.

ניט דארא האט עס געזאגט־ניין! דאס קול איז געוועזען איהר לעהרערקעס, מיסס מארדסטאנס קול.

מיר דוכט, אז מיך האט די בעגעגעניש ניט איבערראשט. פאר א געפיהל פון איבערראשונג איז שוין אין מיין הארצען מעהר קיין ארט ניט געבליבען. אין דער גאנצע מאטעריאליסטישע וועלט איז נור פערבליבען איין זאך, וואס מען קאנן בעוואונדערען, און דאס איז — דארא ספענלא.

איך האב מיסס מארדסטאן בעגריסט און געפרעגט אויף איהר געזונד.

— פאלקאממען געזונד, האט מיסס מארדסטאן געענטפערט.

— וואס מאכט מ־ר מארדסטאן?

— מיין ברודער איז געזונד, איך דאנק אייך.

— מ־ר ספענלא, וואס איז אהן א צווייפעל געוועזען פערוואונדערט פון אונזער בעקאנטשאפט, האט געזאגט:

– איך בין זייער צופריעדען, קאפפעפילד, וואס איר אונ מיס מארדסטאן זייט בעקאנט.

– מ–ר קאפפעפילד אונ איך האבען א מאל געהאט עפּעס א שייכות, האט מיס מארדסטאן געזאגט רוהיג אונ הארט. איך האב געקאנט מ–ר קאפפעפילד'ן – ניט זייער נאהענט – אין זיינע יונגע יארען. פון יענער צייט האבען אונז די אומשטאנדע געשיידט. איך וואלט איהם איצט בשום אופן ניט דערקאננט.

איך האב געאנטפערט, אז צווישען א מיליאן מענשען, וואלט איך איהר ערקאננט. אונ דאס איז געווען ריכטיג.

– מיס מארדסטאן איז געווען אזוי גוט, האט מ–ר ספענלא געזאגט, ווענדענדיג זיך צו מיר, אז זי האט איינגעווילליגט נעמען די שטעל פון א משגיחטע, אויב איך קאנן זיך אזוי אויסדריקען, ביי מיין טאכטער. צום אונגליק האט דארא קיין מוטער ניט, אונ די גוטע מיס מארדסטאן האט גענוממען אויף זיך די פפליכט זיין איהר א געזעללשאפטערין אונ א בעשיצערין.

ביי מיר אין קאפ איז דורך געלאפען א געדאנק, אז מיס מארדסטאן איז גיכער מיט איהר נאטור פייהיג בעפאלען וועמען איידער בעשיצען אונ פערהיטען וואס ס'איז פאר א אונשולדיגקייט; נור איך האב א קוק געטאן אויף דארא – אונ דער געדאנק איז גלייך פערשוואונדען. מיר האט אויסגעוויזען, אז מ–ר ספענלא'ס טאכטער האט גאר א קנאפען חשק אונטערגעבען זיך איהר לעהרערקע, אונ זי קאנן זיך לייכט בעגיין אהן מיס מארדסטאן'ס בעשיצונג. אין דער צייט האט מען גענוממען קלינגען: מ–ר ספענלא האט געזאגט, אז דאס איז דער ערשטער קלונג צום מיטטאג אונ האט מיך איינגעלאדען איבערטהון זיך.

גרינג צוזאגען! איבערטהון אונ אנטהון זיך איז, ווי ס'איז בעוואוסט, איינע פון די שווערסטע זאכען פאר א יונגען מענשען, וועלכער איז אנגעצונדען מיט אזא פייער פון ליעבע. איך האב זיך געזעצט נעבען קאמין ביי זיך אין צימער, האב געביסען דעם שליסעל פון מין רייזע–זאקעל אונ געטראכט נור וועגען די רייצענד שאנע דארא מיט די לויכטינע אויגען. וואס פאר א וואונדערבארעס וואוכס, וואס פאר א געזיכט, וואס פאר א גראציאזע מאנערען! ווי טהוט מען זיך דא אן?

דאס צווייטע קלינגען האט זיך געהערט זייער גיך. איך האב א ביסעל אבגעפוליערט מיין פראק, פערריכט מיין האלזטוך, א קוק געטאן אין שפיעגעל אונ אראב אונטען. אין עסס–צימער איז געווען געננג גאסט. דארא האט געשמועסט מיט א–נ–אלטען מאנן, פערפוצט מיט שיווע האר. ער איז געווען מיס ספענלא'ס א זיידע, נור איך האב שוין משוגענערווייס געאייפערט צו דעם אלטען דשענטלמען: זיין געשעפט איז דען צו ריידען מיט דארא?

ס'איז ניט צובעשרייבען, ביי וואס פאר א מוטה איך בין געוועזען און דעריבער האב איך געאייפערט צו יעדעם איינציגען. איך בין געוועזען מלא רציחה ביים געדאנק, אז אין דער געזעלשאפט געפינען זיך מענשען, וועלכע קאננען בעסער פון מיר מ—ר ספעגלא. מיינע צרות האבען קיין שיעור ניט געהאט, ווען מען האט פערצויגען א געשפרעך וועגען אזעלכע זאכען, אין וועלכע איך האב זיך ניט געקאנט אריין מישען. דער רוח האט אנגעטראגען איין דשענטלמען מיט א גענלאנצטען פליך, ער זאלל מיך פראגען איבער'ן טיש, אויב איך האב ניט דעם פערגניגען זיין דאס ערשטע מאל אין דעם הויז. א פייער פון ראכע (נקמה) האט זיך אנגעצונדען אין מיין הארצען ביי דער פראגע און מען דארף רעכענען, אז איך האב אויסגעזעהן שרעקליך, ווען איך האב א ווארף געטאן א פונקען־שפריהענדען בליק אויף דעם פליכיגען דשענטלמען.

איך געדיינקט ניט, ווער איז דא נאך געוועזען, אויסער דארא. קיין אידעע איז מיר ניט פערבליבען אין קאפ וועגען דעם, וואס פאר א מאכלים מען האט געגעבען צום טיש, אויסער דארא. מיר איז פערבליבען איין איינדרוק, אז איך האב געגעססען נור איין דארא; מיט איהר האב איך זיך געזאטיגט און מן הסתם צו קיין זאך ניט צוגעריהרט. איך בין געזעססען נעבען דארא און געשמועסט נור מיט איהר – וועגען וואס און ווי האב איך מיט איהר געשמועסט – איז מיר גאר אונבעוואוסט. זי האט א וואונדערבארע שטיממע, זי לאכט פרייהליכער פון וועלכע מוזיק, און די נאטור האט איהר בעשאנקען מיט אללע פאלקאממענהייטען, וואס קאננען א יונגען מענשען אראב פיהרען פון מוח. זי איז ניט הויך, נור די ניט הויכקייט גייט איהר ווי מען דארף גאר בעסער ניט.

ווען זי איז ארויס פון טיש מיט מיסס מארדסטאן (קיינע אנדערע פרויען זיינען צווישען די געסט ניט געוועזען) האב איך זיך פערטראכט און מיר האט דאס הארץ געשראקען, מיסס מארדסטאן זאלל אויף מיר ניט אנריידען קיין שלעכטס. דער ליעבענסווירדיגער דשענטלמען מיט'ן גלאנציגען פליך האט פערציילען, כדי מיר צוגעבען א גוטע לעהרע, א גאנצע מעשה וועגען גארטענבוי. איך געדיינק, אז ער האט עטליכע מאל איבער געחזרט: „מיין גארטנער" און ער האט בכלל גערעדט בעלעבט. איך האב געהערט מיט אכטונג, נור מיינע געדאנקען האבען געבלאנקעט ווייט, אין א אידיאלישען גארטען, וואו דארא בליהט.

באלד האט מיר ווייטער אנגעהייבען צושרעקען דאס הארץ, איך זאלל ניט ווערען בעליידיגט און בענבעלט פאר מיין סילפידע, וואס האט גערויבט מיין הארץ. ווען מיר זיינען אריין אין גאסט־צימער האט מיסס מארדסטאן א ווארף געטאן אויף מיך א שטרענגען בליק; נור באלד האט זי מיך בערוהיגט גאר אונערווארטעטערהייד.

ח״ד

דוד

— דָוִד קָאפְּפֶערְפִילְד, הָאט מִיסס מָארְדְסְטָאן גֶעזָאגְט אוּנ אָבְּגֶערוּפֶען מִיךְ אָן אַ זַייט צוּם פֶּענְסְטֶער: —אוֹיף אַ פָּאר וָוארְטֶער.

אִיךְ בִּין פֶערְבְּלִיבֶּען מִיט אִיהְר אַלְלֵיין, פָּנִים צוּם פָּנִים.

— דָוִד קָאפְּפֶערְפִילְד, אִיךְ רֶעכֶען נִיט פַאר נוֹיטְהִיג עֶרְקְלֶעהְרֶען אוּנְזֶערֶע פַאמִילְיֶען אוּמְשְׁטֶענְדֶע. דָאס הָאט נִיט ־קֵיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס נִיט פַאר מִיר אוּנ נִיט פַאר אַייךְ.

— אִיר הָאט רֶעכְט, מִיסס מָארְדְסְטָאן.

— גֶעוִויסס, הָאבּ אִיךְ רֶעכְט. אִיךְ ווִילל נִיט עֶרְפְרִישֶׁען אִיצְט אִין זִכָּרוֹן אוּנְזֶערֶע אַ מָאלִיגֶע קְרִיעג אוּנ קְרֶענְקוּנְג. מִיךְ הָאט בֶּעלֵיידִיגְט אַ פֶּערְזָאן, וֶועמֶעס נָאמֶען קָאנְן מֶען נִיט דֶערְמָאנֶען אָהְן הַאס אוּנ פֶּערְדְרוּס. צוּם אוּנְגְלִיק גֶעהֶערְט דִי פֶּערְזָאן צוּ מַיין גֶעשְׁלֶעכְט (מִין). בֶּעסֶער אִיז גָאר נִיט רֵיידֶען וֶועגֶען אִיהְר.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארֶען שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט בַּיים אָנְצוּהֶערֶענִישׁ וֶועגֶען מַיין בָּאבֶּען; נוּר אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מוּטְה צוּ בֶּעמֶערְקֶען, אַז מִיסס מָארְדְסְטָאן וֶועט טְהוּן וַייעֶר גוּט, אוֹיבּ זִי וֶועט וֶועגֶען דֶעם שְׁוַוייגֶען.

— אִיךְ קָאנְן נִיט לַיידֶען, אַז מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף מַיין בָּאבֶּען, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעגֶעבֶּען, אוּנ אוֹיבּ אִיר וֶועט וֶועגֶען אִיהְר עֶפֶּעס רֵיידֶען, וֶועלל אִיךְ מוּזֶען שַׁארְף אַרוֹיס רֵיידֶען מַיין מֵיינוּנְג.

מִיסס מָארְדְסְטָאן הָאט פֶּערְמַאכְט דִי אוֹיגֶען, אַ שָׁאקֶעל גֶעטָאן מִיט'ן קָאפּ מִיט פֶּערְאַכְטוּנְג. דֶערְנָאךְ, אֶפְּפֶענֶענְדִיג לַאנְגְזַאם דִי אוֹיגֶען, הָאט זִי וַוייטֶער גֶערֶעדְט.

— דָוִד קָאפְּפֶערְפִילְד, אִיךְ רֶעכֶען נִיט פַאר נוֹיטְהִיג לֵייקֶענֶען זִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ ־קֵיין גוּטֶס נִיט עֶרְוַוארְט, וֶוען אִיר זַייט אַרוֹיסגֶעטְרָאטֶען אִין לֶעבֶּען. דֶער טְרוֹירִיגֶער פַאקְט אִיז וַייעֶר בֶּעוואוּסְט. ס'הָאט גֶעקָאנְט טְרֶעפֶען, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעאִירְט, וֶועגֶען דֶעם אָבֶּער הָאבֶּען מִיר אִיצְט נִיט וָואס צוּ רֵיידֶען, אִיךְ גֶעהֶער צוּ אַ פַאמִילְיֶע וָואס צֵייכֶענְט זִיךְ אוֹיס מִיט אַ שְׁטַייפֶע דֵעָה — אַזוֹי לְכָל הַפָּחוּת דוּכְט מִיר — אוּנ דַארִיבֶּער קָאנְן נִיט הָאבֶּען אַזֶעלְכֶע צוּפֶאלְלִיגֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶע, אִין וֶועלְכֶע אִיךְ זֶעה אַייךְ יֶעצְט, ־קֵיין ווִירְקוּנְג אוֹיף מַיין כַאַרַאקְטֶער. אִיךְ דֵיינְק וֶועגֶען אַייךְ, ווִי אִיךְ ווִילל, אוּנ גֶעוִויסס, קָאנְט אִיר הָאבֶּען אַ מֵיינוּנְג וֶועגֶען מִיר, אוֹיךְ ווִי אִיר ווִילְלְט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ פֶערְנֵייגְט.

— נוּר אוּנְזֶערֶע מֵיינוּנְגֶען דַארְפֶען מִיר דָא נִיט אַרוֹיס רֵיידֶען, הָאט מִיסס מָארְדְסְטָאן פָארְטְגֶעזֶעצְט. וָואס מֶעהְר מִיר וֶועלֶען שְׁוַויגֶען אֵיינֶער וֶועגֶען צְווֵייטֶען, וֶועט אַלְס זַיין בֶּעסֶער אִי פַאר מִיר, אִי פַאר אַייךְ. אַ צוּפַאלל הָאט אוּנְז גָאר אוּנֶערְוַוארְטֶעט, צוּנוֹיפְגֶעבְּרַאכְט צוּזַאממֶען אוּנ ס'קָאנְן זַיין, אַז מִיר

וועללען זיך דא בעגעגענען נאך עטליכע מאל: מיר וועללען ווייזען פאר אללעמען אז מיר האבען זיך נאהענט קיין מאל ניט געקאנט. צו וואס דארף מען מאכען, אז מען זאלל האבען וועגען אונז וואס צו ריידען? אייך געפאללט אזא מין פיהרונג?

— מיסס מארדסטאן, האב איך געאנטפערט, איר אונ אייער ברודער זייט זיך מיט מיר בעגאנגען ווי אכזרים אונ מיט מיין מוטטער — גאר אונמענשליך. אזוי דיינק איך אונ וועלל אזוי דיינקען ביז דער ענדע פון מיין לעבען. נור איך וועד מרוצה אויף אייער פארשלאג.

מיסס מארדסטאן האט ווייטער פערמאכט די אויגען אונ לייכט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ. דערנאך האט זי בעריהרט מיינע פינגער--קישעלאך מיט איהרע קאלטע, מעטאללענע שפיץ פינגער אונ איז מיט גדלות אוועק אויף איהר ארט, פעריכטענדיג די קייטלאך אויף'ן האלז אונ ארעם. איהר פוטץ צוזאממען מיט איהר אייזערנע הארקטער האט מיר ערינערט אן די קייטען, וואס הייגען אויף דער טהיר פון אסטראג, אונ וואס ווייזען פון דרויסען, וואס מען קאנן ערווארטען אינעווייניג.

דער אבענד איז געוועזן א שאנער. פון דעם אבענד איז מיר פערבליבען אין קאפ נור איין זאך, אז די הערשערין פון מיין הארץ האט געזונגען עטליכע פראנצאזישע ליעדער אין בעגלייטונג פון א וואונדערבארען אינסטרומענט, וואס איז אהנליך געוועזן אויף א גיטארע. די מאטיוען זיינען געוועזן פרייהליכע אונ מיר האבען אלס צוגעהאלפען: „טרא-לא-לא! טרא-לא-לא!“ איך האב זיך געבאדען אין א ים פון גליקק אונ האב זיך ענטזאגט פון אללע כבודים. אויף פאנש אונ גלינטוויין האב איך אפילו ניט געוואלט א קוק טהון. ווען מיסס מארדסטאן האט גענוממען איהר פראטעשע, פיהרען איהר אין שלאף-צימער, האט דארא צו מיר א שמייכעל געטאן אונ גערייכט איהר בעצויבערענדע האנטעלע. איך בין אויך באלד אוועק צו זיך אין צימער. דער שפיגעל, מיט וועלכען איך האב זיך בעראטען האט מיך ניט געטרייסט: איך האב אויסגעזעהן ווי א וואהרער אידיאט. זייענדיג גייסטליך פערשכורט, כמעט ווי משוגע, האב איך זיך אריינגעלייגט אין בעט, צו געדעקט מיט דער קאלדרע אונ פערזונקען אין א וועלט פון גאלדערנע ערשיינונגען אין דעם געשמאק פון די מזרח לייט.

ס'איז געווארען טאג, א שאנער פריהמארגען אונ איך האב זיך אויפגעהויבען פון בעט. מיר איז איינגעפאללען א געדאנק אריין גיין אין גארטען שאפען פרישע לופט אונ פאנטאזירען אויף דער פרייהייט וועגען דעם רייצענד-שאנען פרייען. געטראכט אונ געטאן. אין קארידאר האב איך אנגעגענט איהר קליין הינטעל מיט'ן נאמען דשיפ. איך בין צוגעגאנגען צום הינטעל מיט דער גראסטע

פריינדליכקייט נור דאס הינטעל האט מיר בעוויזען אלע ציינער, פעררוקט זיך אונטער'ן שטוהל, סקאוואיענדיג ווי א וואהרע חיה און ניט געוואלט אויסהערען מיינע לאסקעס.

אין גארטען איז געווען קאלט און פוסט. איך האב גענומען שפאצירען איבער די איינזאממע אללעען און טראכטען וועגען גליקק אנרופען זיך חתן פון מ–ר ספענלא'ס צויבער שאנע טאכטער. געדאנקען, ווי דער שטייגער איז, פון וואס לעבט מען נאך דער חתונה, וואס פאר א נדן האט זי, זיינען מיר גאר אויף'ן געדאנק ניט ארויף און אין דעם היניזיכט בין איך געווען אזוי קינדיש אונשולדיג, ווי דאמאלס, ווען איך האב געפיהלט א צארטליכע ליעבע צו דער קליינע עממי. רופען איהר פראסט דארא, שרייבען צו איהר, פערגאטערען איהר, דיינקען, אז זי טראכט שטענדיג וועגען מיר אפילו דאמאלט, ווען זי געפינט זיך צווישען זייטיגע מענשען – מעהר האבען מיינע עהרגייציגע פאנטאזיעס ניט געקאנט ווינשען. דאס ווייזט, אז איך בין אין יענע צייט געוועזן א לייכטזינניגער אויב ניט א דומער יונג, נור דאך זיינען מיינע שטרעבונגען געווען ריין, יונגפרעהליך, אונשולדיג. איך שמייכעל און לאך, אז איך דערמאן איצט יענע פאנטאזיעס; נור איך פערהאס זיי ניט.

ניט לאנג האב איך שפאצירט אליין אין גארטען, ארומגעמענדיג זיך צו א ווינקעל, האב איך אנגעגענט מיסס דארא. שטארק קלאפט מיר מיין הארץ, ווען איך דערמאן זיך די בעגעגעניש און די פעדער ציטערט אין מיינע האנד.

– אזוי... פריה שפאצירט... איר, מיסס ספענלא! האב איך געזאגט.

– איך ליעב ניט זיצען צו הויז, האט דארא געאנטפערט. אין צימער איז אזוי דושנע, און מיסס מארדסטאן איז אזוי אפפעקטירט (טשאפארנע) – א שרעק! זי זאגט אלס, אז מען דארף זיך אין דער פריה דורך לופטערען – וואס פאר א נארעשקייט – דורך לופטערען.

דא האט זי זיך צולאכט און איהר מעלאדישע שטיממע האט זיך אבגעקלונגען איבער'ן גאנצען גארטען.

– זונטאג פריה האב איך קיינע ארבייט ניט, האט דארא פארטגעזעצט, – אבער מען דארף דאך, ניט אזוי? עפעס טהון. אט האב איך דעם פאפא געזאגט, אז איך דארף שפאצירען, נאכטען אבענד האב איך געזאגט. ווייטער איז איצט די סאמע ליכטיגע צייט פון טאג. ווי דיינקט איר?

פלוצים איז אויף מיר אנגעפאללען א שרעקליכע בריהשאפט און איך האב געזאגט (פערזיכערנדיג זיך, מיט אמת גערעדט), אז פאר מיר איז דאס סאמע ליכטיגע צייט, זאגאר מיט א מינוט צוריק איז פאר מיר געווען פינסטער.

– דאס איז א קאמפלימענט? האט דארא געפרעגט. – אדער די פאגאדע האט זיך טאקע געאנדערט?

איך

איך האב נאך מער געאיקעט, נור געאנטפערט קלאהר, אז איך זאג דען ריינען אמת, זאנאר איך וויים ניט, צו האט זיך די פאנאדע געאנדערט. מיינע געפיהלען נור האבען זיך געענדערט, האב איך צוגעגעבען פערשעמט, כדי ערקלאהרען מיינע ווארטער.

די לאקען, וואס האבען פערשטעללט די רויטקייט, וועלכע האט אריינגעשפארט דאראן אין געזיכט, האב איך קיין מאל ניט געזעהן. נור ווי אזוי האב איך געקאנט זעהן, אז אזעלכע לאקען איז אין דער גאנצער וועלט ניטא? אונ וואס ס'בעלאנגט אן דעם שטרוי הוט אונ די בלויע לענטעס, וואס האבען בעפוצט דאראס לאקען — א, ווען מען זאלל עס אלס אויפהיינגען ביי מיר אין דירה, וואס געבען בדעג טעמזע! וועלכער גביר וואלט זיך דאמאלס געקאנט גלייכען צו דוד קאפפערפילד!

— איר קוממט ניט לאנג פון פאריז? האב איך געפרעגט.

— יע, האט דארא געאנטפערט. — אונ איר זייט געוועזען אין פאריז?

— ניין.

— שאדע! נור איך האף, אז איר וועט אין גיכען פאהרען. איר מוזט פאהרען. פאריז וועט איך זייער געפאללען ווערען.

א טיעפער קיממער האט זיך אבגעטונקט אויף מיין געזיכט. פאר וואס האפט זי עפעס, אז איך וועלל פאהרען? איז דאס גאר מעגליך? וואס פאר א אונגערטרעגליכער געדאנק דאס איז! איך האב פערהאסט פאריז, איך האב פערהאסט פראנקרייך. איך האב געזאגט, אז ביי איצטיגע אומשטאנדע וועלל איך פאר קיינע אוצרות ניט ארויס פאהרען פון ענגלאנד. פאר קיין פאלל ניט, איך וועלל ניט פאהרען פאר קיין פאלל! מיט איין ווארט, איהרע לאקען האבען זיך ווייטער אנגעהויבען בעוועגען, אונ דאס הינטעל, וואס איז איצט צו אונז צוגעלאפען, איז געקוממען זייער צוגעפאסט.

דשיפ האט מיך געאייפערט צום טוידט אונ האט אויף מיך געבילט מיט חיהשע עקשנות. זי האט איהם גענוממען צו זיך אויף די האנד (גרויסער גאט!) אונ אנגעהויבען לאסטשען איהם; נור דאך האט ער געסקרידשעט מיט די ציין אונ ניט אויפגעהערט צו גרישען זיך. ער האט מיר ניט ערלויבט צורירען זיך צו זיינע האר, אונ ערשט דאמאלס האט זי איהם אנגעשלאגען, דאס הייסט פאר א שטראף האט זי גענוממען מיט איהר האנטיל גלאטען די מארדע אונ די שטופפע נאז ביי דער האסליכע בעשעפעניש, וואס, נאטירליך, האט נאך מעהר פערגראסערט מיינע יסורים. דשיפ האט גאר אהן בושה געווינקט מיט די אויגען, געלעקט איהר די האנד אונ געווארטשעט מיט א באסאווען קול. ענדליך איז ער אנשוויגען געווארען, ווען זי האט אנגעשפארט איהר קינ-באק צו זיין הארינען קאפ אונ מיר האבען שפאצירט ווייטער צו דער אראנשזעריע.

— איר זייט, דוקט, ניט נאָהענט בעקאַנט מיט מיסס מאָרדסטאָן? האָט זי געזאָגט. — ליעבינקער!

(דער לעצטער אויסגעשריי איז געווען צו דזשיפּ'ן. וואָס וואָלט איך ניט געגעבען, וואָס וואָלט איך ניט געאָפּפערט, אַז איך זאָלל דאָס מאָל פערטרעטען דעם הינטעלס אָרט!)

— ניט זייער נאָהענט, האָב איך געאַנטפערט. — זייער ניט נאָהענט.

— איר ווערט מיר ניט גלויבען, ווי אומעדיג מיט איהר איז! האָט דאָרא געזאָגט, אָנשטעללענדיג די ליפּפען. איך קאָנן ניט פערשטיין, פאַר וואָס האָט דער פאָטער אויסגעקליבען פאַר מיר אַ קאָמפּאַניאָנקע אַזאַ אַלטע, מיררישע פרוי—פּי! ווער דאַרף האָבען איהר בעשיצונג? איך אַוודאי ניט! דזשיפּ וועט מיך בעשיצען בעסער פאַר וועלכע מיסס מאָרדסטאָן — ניט אמת, דזשיפּ?

ער האָט נור אַ פינטעל געטאָן מיט די אויגען, ווען זי האָט איהם אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

— דער פּאַפּאַ זאָגט, אַז זי איז אַ פריינדין, וועלכער מען קאָנן אַלץ פערטרויען; נור דזשיפּ ווייס בעסער, וואָס פאַר אַ פריינד זי איז; ניט אַזוי, ליעבינקער? ניין, זייט מוחל, איך און דזשיפּ וועללען מיר זיך קיין מאָל ניט אַנטרויען אַזעלכע מיררישע, אַלטע פרויען. מיר וועללען אונזערע סודות פערצאָהלען וועמען אונז געפעללט; מיר וועללען אַלליין געפינען גוטע פריינד, און מיר דאַרפען ניט, אַז אַנדערע זאָללען פאַר אונז זוכען: ניט אמת, דזשיפּ?

דזשיפּ האָט אַרויס געלאָזט אַ קול, ווי ס'בייסט זיך אַ מאָל אַרויס פון אַ טשייניק, וואָס שטייט אויף'ן דרייפוס. מיך האָט יעדעס וואָרט, וואָס דאָרא האָט אַרויסגעבראַכט פון מול, געשמיעדט אין נייע קייטען.

— דאָס גאַנצע אונגליק איז, וואָס מיר האָבען קיין מוטער ניט, און דער פּאַפּאַ רעכענט, אַז וועלכע מיררישע פרוי קאָנן פערבייטען אַ מוטער. מיסס מאָרדסטאָן קוקט אונז שטאַנדיג נאָך און, שרעק, ווי זי דער עססט אונז: ניט אמת, דזשיפּ? אַזוי איז דאָס. דאַגה'ן וועללען מיר ניט. מיסס מאָרדסטאָן וועט פון אונז קיין זאַך ניט דערגיין און מיר וועללען זיין גליקליך, ווי מיר קאָנגען. זאָלל זי וואָרטשען, פיעל זי וויל. מיר וועללען איהר קריגען אין בין און רייצען איהר: ניט אמת, דזשיפּ?

נאָך עטליכע מינוט וואָלט איך, אָהן אַ צווייפעל, געשטעללט זיך פאַר איהר אויף די קניע אויף'ן נאַסען זאַמד, שטעללענדיג זיך אין אַ סכנה פערפאַטשקען די הויזען און דערצו נאָך פערטריבען ווערען פון שטוב אויף אייביג. נור צום גליק זיינען מיר מיט דאָראַס לעצטע ווערטער צו געגאַנגען צו דער אָראַנזשערעיע.

דאָ איז געווען פיעל בלומען. מיר זיינען אַרום געגאַנגען אין דער לאַנג און

בריית; דארא פלעגט זיך יעדע רגע אבשטעללען פאר א געראניום אונ פערגניגט זיך מיט זיי. איך פלעג זיך אויך אבשטעללען צוזאממען מיט איהר אונ אויך זיך פערגניגען גלייך מיט איהר. דארא האט געלאכט, געשמעקט די בלומען אונ געדריקט דאס הינטעל צום הארצען. אויב ניט מיר אללע, דשזיפ אויך אין כלל, זיינען געוועזן אין א פערכשופטען קאנט, בין איך לכל הפחות געוועזן אין אזא קאנט. דער ריח פון געראניום — בלאטער מאכט נאך איצט א האלב קאמישען, האלב ערנסטען איינדרוק אונ איך פערשטיי ניט, ווי אזוי איז ביי מיר געווארען אזא פעראנדרונג אין הארצען. צוזאממען מיט די בלאטער אונ בלומען זעה איך א שטרוי-הוט, בלויע לענטעס, אונ פראכטפאללע לאקען, אונ ראזע וואנגען, אונ א קליין שווארץ הינטעל אין די ארמען פון א סילפידע.

מיסס מארדסטאן האט אונז געזוכט אין גארטען אונ געטראפען אין אראנשזעריע. זי האט אונטערגעשטעללט דאראן איהר צוקנייטשטע געזיכט (די קנייטשען זיינען געוועזן פערדעקט מיט פודרע) אונ דארא האט איהר געמוזט א קוש טהון. דערנאך האט זי איהר גענוממען פאר דער האנד אונ מיר זיינען געגאנגען צום פריהשטאג, אנשטאנדיג, מיט שטיללע טריט, ווי מען גייט צו א לויה.

טהיי האט דערלאנגט דארא אונ דאריבער קאנן איך ניט זאגען, פיעל גלאז איך האב אויסגעטרונקען. איך געדיינק נור, אז איך האב די קיטאיער משקה געטרונקען אזוי פיעל, ביז מיין גאנצע נערווען — סיסטעם איז אויפגעציטערט געווארען.

דעם טאג האבען מיר פערבראכט אין איינזאמקייט, קיין גאסט איז ניט געוועזן. מיר האבען שפאצירט, געמיטאגט זאלבע פיערט אונ אין אבענד בעקוקט די ביכער אונ קארטינעס. מיסס מארדסטאן אלס משגיח'טע, האט אונז נאך געקוקט אונערמידעט, מ-ר ספענלא איז נאך מיטטאג געזעססען צוגעדעקט מיט א טיכעל אנטקעגען מיר: איז איהם דען ארויף אויפ'ן זינן, אז אין דמיון ארמע איך איהם אונ מיט די צערטליכע ליעבע פון איין ערגעבענעם זוהן! אין אבענד האבען מיר איינער דעם צווייטען געווינשט א גוטע נאכט אונ איך ווייס ניט, אויב ער האט זיך פארגעשטעללט, אז איך בענש איהם ווי א צארטליכען פאטער, וועלכער שטיממט איין, אז איך זאלל חתונה האבען מיט זיין טאכטער דארא.

מאנטאג זיינען מיר אוועק געפאהרען אין לאנדאן. מיר האבען זיך אויסגעקליבען זייער פריה ווייל אין געמיינדע האט דעם טאג געדארפט זיין א וויכטיגע דיעלא. דאך האבען מיר צייט געהאט פריהשטאגען ביי מ-ר ספענלא אויף דער דאטשע. דארא האט ווייטער דערלאנגט טהיי אונ איך האב ווייטער געשלונגען מיט גרויס דורשט. ענדליך זיינען מיר ארויס געפאהרען. וועצענדיג

זיך אין פאעטאן, האב איך געהאט א טרויריגען פערגניגען זעגענען זיך מיט מיסס ספענלא, ווען זי איז געשטאנענען ביים נאנעק מיט'ן הינטעל אויף די האנד.

אין געמיינדע האב איך אויפמערקזאם אויסגעהערט די דיעלא, נור איך געהם זיך ניט אונטער בעשרייבען, אין וואס פאר א צושטאנד איז געוועען מיין שכל אונ הארץ אין דעם טאג. מיינע אללע געדאנקען זיינען געוועען פערנוממען מיט דאראן, מיט איין דאראן אונ מיט קיין זאך מעהר. ווען מ-ר ספענלא איז אבענדצייט אוועק געפאהרען א היים אהן מיר (איך בין געוועען אזוי דוממ אונ געהאפט, אז ער געמט מיך ווייטער צו זיך), האט זיך א שווערער קיממער ווי א בלייערנע משא געלייגט מיר אויף'ן הארצען, אונ איך האב זיך געפיהלט אין דער לאגע פון א זעעמענש (וואס פאהרט איבערן ים), וועלכער איז פערבליבען אויף א וויסטען אינזעל אין דער צייט, ווען זיין שיפף פליהט האסטיג איבער'ן אונענדליכען ים.

אונ ניט נור אין דעם אבענד האב איך פאנטאזירט וועגען דאראן: ניין, אללע טאג זיינען געוועען אהנליך איינער אויף'ן צווייטען אונ אין געמיינדע האב איך זיך בעשאפטיגט נור מיט איין פראגע. איך בין געגאנגען אין דער דאקטארשע געמיינדע נור צו ליעב דעם, כדי איך זאלל קאננען דיינקען וועגען דארא; די איבריגע זאכען זיינען גאר ניט געוועען שייך צו מיר. נור א מאל פלעגט טרעפען, אז מיט נייגיער פלעג איך זיך אריין טהון אין די דיעלעס, וואס זיינען נוגע צום מאן אונ ווייב אונ איך פלעג זיך אללע מאל וואונדערען, ווי אזוי קאננען זיך קלאגען אויף זייער שיקזאל די לייט, וואס האבען חתונה געהאט: איך מיט דאראן, פערשטייט זיך, וואלטען געוועען די גליקליכסטע אויף דער וועלט. די ערשטע וואך פון מיין ליעבע האב איך געקויפט פיער הפלא'דיגע שזילעטען — פערשטייט זיך, אז ניט פאר זיך: — צו וואס דארף איך פראנטעווען אהן דאראן? — אונ אנגעהויבען שפאצירען איבער די גאססען אין לאיקענע שטרויפארביגע האנדשוהן צו געפאסט צום קאליר פון הוט. ווען איך זאלל קריגען די שטיוועל, וואס איך האב געטראגען אין דער מערקווירדיגע פעריאדע פון מיין לעבען אונ צוגלייכען זיי מיט דער נאטירליכע גרויס פון פוס, וועט זיך אפפען ארויסווייזען, אז מיין הארץ איז דאמאלס געוועען אין א קלאגליכען אונ אוננאטירליכען צושטאנד.

אונ דאך קאליעטשענדיג זיך אויף אזא אופן פון מיסס ספענלא'ס כבוד וועגען, האב איך גאנצע טאג שפאצירט מיילענווייס, טאמער בעגעגען איך ערגעץ די בעהערשערין פון מיין הארץ. אללע פאצטאליאנעס אונ קאנדוקטארען איבער'ן גאנצען וועג פון נארוויד, האבען מיך פערזאנליך געקאנט, צו דעם נאך האב איך מיט גרויס פלייס געמאסטען לאנדאנער גאסען. איבערהויפט האב איך זיך געדרייהט אין

די פאַראַדנע נאסטען נעבען די מאָדנע מאַגאַזינען. ווי אַ אונרוהיגער גייסט האָב איך זיך געטראָגען איבער'ן מאַרק און געדרייהט זיך אין גיידפאַרק ווי אַ זאַמדעלע אין ווינטער. ס'האָט געטראָפען, זאָגאַר זייער, זייער זעלטען, אַז מיר האָט געלונגען זעהן מיסס ספּענלאַ. אַ מאָל האָט מיר געדוכט, אַז זי ווינקט צו מיר פון קאַרעטע מיט איהר האַנדשוה; נור ס'פלעגט טאַקע אַ מאָל טרעפען, אַז איך פלעג איהר אָנגעגענען, בעגלייטען איהר און מיסס מאָרדסטאָן און זאָגאַר ריידען מיט איהר. אין לעצטען פאַלל, ביים שיידען זיך פלעג איך זיך פיהלען זייער אונגליקליך, פאַר וואָס מיר האָט ניט געלונגען זאָגען עפּעס, וואָס זאָלל מיך פיהרען צום ציעל. מיר האָט געדוכט, אַז זי פערשטייהט גאָר ניט, ווי איך בין צו איהר צוגעבונדען און איהר אַרט גאָר ניט פאַר מיר. ס'איז גרינג פאַר צו שטעללען זיך, מיט וואָס פאַר אַ אונגעדולד האָב איך געוואַרט, מ–ר ספּענלאָ זאָלל מיך אַ צווייטען מאָל איינלאַדען צו זיך, נור קיין איינלאַדונג האָב איך ניט ערהאַלטען און מיין דאגה, וואָס איז געוועזען נאָהענט צו יאוש, האָט געוואַקסען וואָס פון טאָג.

איך האָב פאַר קיינעם ניט ענטדעקט מיין הערצליכע געהיימניסס. אין מיין בריעף צו אַגנעסאַן האָב איך נור געשריבען, אַז „די טאָג בין איך געוועזען צו־גאַסט ביי מ–ר ספּענלאָ און זיין געזינד בעשטייט נור פון איין טאָכטער“; מעהר האָב איך קיין זאַך ניט געשריבען. ביי אַללעם דעם האָט מיסס קראָפּ, איך ווייס ניט ווי אַזוי, געטראָפען, וואָס טהוט זיך ביי מיר אין האַרצען. דערפון געהם איך, אַז מ–ס קראָפּ האָט געזעהן ווייט.

דאָס האָט פּאַסירט אַ מאָל אָבענדצייט, ווען מ–ס קראָפּ האָט געליטען פון איהר קראַנקהייט, וואָס אויבען איז בעשריבען. זי איז געקוממען זאָגען, אויב איך קאָנן איהר ניט לייען קרייטיכער פון פאַראַדיזקאָרנער מיט ראַבאַרבער צולאָזט אין זיבען נאָגעלאַך–טראָפּען, ווייל דאָס איז די בעסטע רפואה צו איהר קראַנקהייט. און אויב, איך האָב ניט אַזאַ ספּעציפיק (רפואה), צו קאָנן זי ניט קריגען אַ פּשוטע גלאַזיל בראָנפען, ווייל אַ מאָל ווירקט אויף איהר בראָנפען אויך, האָטשע מ–ס קראָפּ האָט בכלל פיינט בראָנפען. דעם ספּעציפיק האָב איך ניט געהאַט – איך האָב זאָגאַר קיין מאָל ניט געהערט פון דעם, – נור בראָנפען האָב איך שטענדיג געהאַט אין טשולאַן. איך האָב איהר אָנגעגאָססען אַ גלאַזיל משקה און מ–ס קראָפּ, מאַכענדיג הויות ווי געהעריג איז, האָט אָנגעהויבען טרינקען אין מיין געגענוואַרט צו קאַפּעלאַך, ווי מען טרינקט אַ רפואה.

– ווערט פריינדליכער, סער, האָט מ–ס קראָפּ געזאָגט, דאָס האַרץ פערגייט פּשוט, אַז מען גיט אַ קוק אויף אייך. איך בין אַלליין אויך אַ מוטער.

איך האָב ניט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ שייכות האָבען איהרע לעצטע

ווארטער צו מיר. נור איך האב איהר געאנטפערט מיט א שמייכעל און א ווארף געטאן אויף איהר א געניינטען בליק.

– האט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט, סער, האט מ–ס קראפ פארט־געזעצט. – איך ווייס וואס די מעשה איז. א יונגע לעדי ליגט אייך אין זינן.

– מ–ס קראפ! האב איך געאנטפערט, ווערענדיג רויט.

– הע, גענוג, יונגער מאן! דארפט איר דען זארגען וועגען וואס פאר א לעדי? זארגט ניט, סער, פאלט ניט ביי זיך! – אויב זי שמייכעלט ניט צו אייך וועללען זיך געפינען פיעל, פיעל וואס וועללען יע שמייכלען. אזעלכע יונגע דשזענטלמענס, ווי איר זייט, מ–ר קאפפערפולל, איז זייער ווינציג פאראן. איר דארפט וויססען אייער ווירדע, סער.

מ–ס קראפ האט מיך שטענדיג גערופען קאפפערפולל (א קופפערנער קעססעל, פולל מיט וואססער), ערשטען ווייל דאס איז ניט געווען מיין פאמיליע־נאמען און, צווייטען, ווייל ביי איהר מסתמא האט זיך די בעדייטונג פון קאפפערפולל פערקניפט מיט'ן געדאנק וועגען גרעט–וואשען.

– פון וואנען נעמט איר, אז א יונגע לעדי ליגט מיר אין זינן, מ–ס קראפ? האב איך געזאגט.

– מ–ר קאפפערפולל, האט זי געאנטפערט מיט גרויס געפיהל, – איך בין אלליין א מוטער.

א ווייל איז געווען שטילל. מ–ס קראפ האט א נידערגעלייגט איהר האנד אויף איהר נאנקענע הארץ און דערקוויקט זיך מיט א ביסעל משקה. דערנאך האט זי פערצויגען אזא מין מעשה:

– ווען אייער ליעבענסווירדיגע באבע, מ–ר קאפפערפולל, האט געדונגען פאר אייך די פאקאיעס, האב איך געזאגט, אז איך וועלל זארגען פאר מיין שכן, ווי פאר א–נ–אייגען קינד. א דאנק גאט! איך האב אייך פון ערשטען בליק ליעב געקראגען ווי מיין אייגענעם זוהן. נור זאגט אלליין, וואס פאר א פנים האט עס: ניט איר עססט און ניט איר טרינקט.

– דערפון שליססט איר, אז איך בין פערליעבט, מ–ס קראפ?

– סער, האט מ–ס קראפ געאנטפערט מיט א שטרענגען טאן, איך האב אויסער אייך אויך געהאלטען יונגע דשזענטלמענס, מ–ר קאפפערפולל. איך האב אויף מיין לעבען גענוג געקאכט און נאך מעהר געוואשען גרעט. א יונגער מענש ענטוועדער ער זארגט צו פיעל וועגען פוץ, אדער איהם אארט גאר ניט. די האר זיינען ביי איהם פערקאממט ענטוועדער נאך די לעצטע מאדע, אדער צו ווארפען גאר אהן א מאדע. די שטיוועל זיינען ביי איהם ענטוועדער זייער גרויס אדער זייער ענג. אלס טרעפט, און דאס ווענדט זיך אן דעם, וואס פאר

א כאראקטער דער יונגער דשענטלמען האט. נור צו ער איז אזוי, צו אזוי, סער, הייסט עס אז דא איז פערמישט א יונגע פריילען.

מ—ס קראפ האט מיט אזא ענטשלאסענהייט א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ, אז איך בין געבליבען אהן ווארטער.

— אט דער דשענטלמען, וואס איז דא געשטארבען פאר אייך, איז אויך געווען פערליעבט, האט מ—ס קראפ פארטגעזעצט. — און ווי נור ער האט זיך פערליעבט אין א טראקטיר—מיידעל, האט ער גלייך גענוממען פראנטעווען אין זייע שזילעטען, חאטשע פון שכרות איז ער אזוי געווען אנגעבלאזען, אז איין גאט זאלל משמר און מציל זיין!

— מ—ס קראפ, האב איך געזאגט, אויב איר ווילט מיך חושד זיין, אז איך בין פערליעבט אין א יונגע לעדי, בעט איך אייך לכל הפחות, איר זאללט איהר ניט אויפמישען מיט טראקטיר—מיידלאך אדער נאך אזעלכע פריילענס.

— מ—ר קאפפערפולל, איך אלליין בין פריהר פאר אלס א מוטטער און דאריבער קאנט איר זיין רוהיג אויף דעם סמך. איך בעט אייך, פערצייהעט, וואס איך מיש זיך אריין אין אייערע עסקים. איך האב א כלל: רוק זיך ניט, וואו מען בעט דיך ניט. נור איר זייט א יונגער דשענטלמען, מ—ר קאפפערפולל, און דאריבער קאנט איהר אויסהערען מיינע א עצה: זארגט ניט, סער, ווערט פרייהליכער און ווייסט אייער ווירדע. אויב איר מוזט צו וואס האבען א תאוה איז גלייכער שפיעלען אין קעגעל: דאס וועט פערשטארקען אייער געזונד און פערטרייבען אייער מרה שחורה.

מיט די ווארטער האט מ—ס קראפ אויסגעטרונקען די לעצטע טראפען בראנפען, האט מיך בעדאנקט מיט א גראסארטיגען קניקס און איז ארויס געשוואומען פון צימער. פון דער עצה האב איך געהאט די נוטץ, וואס איך האב זיך געגעבען א ווארט היטען בעסער מיין געהיימניסס.

ענדע פון פיערטען טהייל.

אללע פערזאנען פון דער געשיכטע וועללען פארקוממען אין צווייטען ראמאן „דוד קאפפערפילד“, וואס וועט אין גיכען ארויס פון דרוק.

די הערויסגעבער.

הזכות נמכר לצמיתות לר׳ יוסף שריפטזעטצער, ור׳ מרדכי קאצענעלענבויגען.